ZINGEN MIR :



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG


•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.




לידער
פאַר
דערוואַקסענע
און
קינדער

•

ארויסגעגעבן פון
צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט
פון
אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

251 FOURTH AVE., NEW YORK, N.Y.



פאר
דערוואקסענע
און
קינדער

ארויסגעגעבן פון

צענטראלן בילדונגס קאמיטעט

פון

אידיש נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד

251 FOURTH AVENUE, NEW YORK, N.Y.



אין דער זאמלונג גייען אריין צוויי הונדערט און אכט לידער און ניגונים, געזונגען פון אונזער פאָלק אין פארשיידענע לענדער אין משך פון דורות. דאָ קומען אויך אריין נייע לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אונזער אייגענער צייט, איינגעשלאָסן דאָס געזאַנג פון די העראָאישע בויער פון אונזער היימלאנד – ארץ-ישראל.

די לידער זיינען איינגעטיילט אין אכט אָפּטיילונגען און נעמען אריין: נאציאָנאלע און פאָלקס-לידער; חלוצים און ארץ-ישראל לידער; קינדער לידער; הומאָריסטישע לידער; ליבעס לידער, און שבח און יום-טובים לידער.

מיר האָפן אז די צווייגן פון אידיש נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד און אלע אָרגאניזאציעס פון אונזער באוועגונג וועלן זיך באנוצן מיט דער דאָזיקער זאמלונג אויף זייערע יום-טובים און אין זייערע היימען, באקענענדיק זייערע קינדער מיט דעם רייכן מאטעריאל פון אונזער אלזייטיקער און לאנגיאָריקער קולטור אין העברייאיש און אידיש.

מיר גיבן די זאמלונג אין אָט דער פריי-בלעטערדיקער ניט געבונדענער פאָרם, כדי יעדער באזיצער פון דעם בוך זאָל קענען פארגרעסערן די זאמלונג מיט די נייע לידער, וואָס מיר וועלן כסדר צוגעבן.

צו אונזער באדויערן איז אין דער זאמלונג, צוליב אסך אורזאכן ניט אלעמאָל אָנגעגעבן געוואָרן דער מחבר פון ליד אָדער דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער מעלאָדיע. מיר האָפן דאָס אויסצובעסערן אין אונזערע ווייטערדיקע אויסגאבן.

אין דער איצטיקער צייט פון ליידן און אומגליקן דארפן מיר זיך מתגבר זיין אויף אונזער צער און אריינברענגען אין אונזער לעבן מער פרייליכקייט און געמיטלאכקייט. אויף אלע אונזערע אונטערנעמונגען און צוזאמענקונפטן דארף געהערט ווערן דאָס אידישע ליד און דאָס געזאַנג פון די אידישע דורות.

צענטראלער בילדונגס-קאָמיטעט
פון אידיש נאציאָנאלן ארבעטער
פארבאנד

פ. גינגאָלד,
דירעקטאָר.

ז י נ ג ע ן   מ י ר

די לידער אין דעם בוך זײנען אײנגעטײלט אין

אכט אָפּטײלונגען

1טע אָפּטײלונג . . ה י מ נ ע ן

2טע אָפּטײלונג . . פאָלקס לידער און פאָלקס מאָטיוון

3טע אָפּטײלונג . . ארבעטער און חלוצים לידער

4טע אָפּטײלונג . . ק י נ ד ע ר   ל י ד ע ר

5טע אָפּטײלונג . . אלגעמײנע און הומאָריסטישע לידער

6טע אָפּטײלונג . . ל י ב ע ס   ל י ד ע ר


7טע אָפּטײלונג . . ש ב ת   ל י ד ע ר

8טע אָפּטײלונג . . י ו ם   ט ו ב י ם   ל י ד ע ר

פרײז פון בוך 75 סענט

דא זיינען פארצייכנט אלע לידער. דער נומער ביים ליד ווייזט אן אין וועלכער אפטיילונג דאס ליד געפינט זיך. דאס שטערנדל ווייזט אן אז דאס ליד איז פאר דער היים און פאר דער פאלק שול. אן דעם שטערנדל מיינט, אז דאס ליד איז אפטמאל צוליב דער שווערער מוזיק און אפטמאל צוליב דעם אינהאלט, נים פאר קינדער נאר פאר דערוואקסענע. די לידער זיינען דא אויסגעשטעלט לויטן אלף-בית.


א י נ ה א ל ט



די נאָטן האָט געשריבן א. ראַבינאָוויץ

ב־טע אפטײלונג:

" ה י מ נ ע ן "



1. ת ח ז ק נ ה
2. ה ת ק ו ה
3. פועלי ציון שבועה
4. מיר װעלן בױען
5. בלאנדזשע מער ניט
6. אינטערנאציאנאל

החזקנה

ברכת־עם

החזקנה ידי כל אחינו המחוננים
עפרות ארצנו באשר הם שם;
אל יפל רוחכם, עליזים מתרוננים)
באו שכם אחד לעזרת העם.) 2

הן סופרים אנחנו את נדבכם והזבבים
נטפי הדמעות וזעת האף,
היורדים כטל לישראל ומשובבים)
נפשו הנלאה השוממה בכף.) 2

התקוה

כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה;
ולפאתי מזרח קדימה,
עין לציון צופיה.

עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה,
לשוב לארץ אבותינו,
לעיר בה דוד חנה.

פּועלי ציון שבֿועה

מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן
א שבֿועה פֿון בלוט און פֿון טרערן,
הימל און ערד זאָלן אונז הערן,
עדות די ליכטיקע שטערן,
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן.

מיר הייבן די הענט געגן מזרח און שווערן
ביי ציון איר פּאַן און איר הייליקע ערד
ביי אַלעם וואָס מיר ליבן, וואָס הייליק מיר הערן,
ביי אונזערע העלדענ׳ס צובראָכענע שווערד (2)

שוועסטער און ברידער גענוג שוין צו ליידן
גענוג שוין, גענוג שוין אין גלות צו זיין.
מוטיק, מוטיק צום קאמף פֿאַר דער פֿרייהייט,
מוטיק, מוטיק, צום הייליקן קאמף.


מיר װעלן בױען

1. נישט אױף נסים דארף מען װארטן,
קײנער זארגט פאר דיר ניט מער.
מוזט אין האנט דײן שיקזאל נעמען
מעג די ארבעט זײן װי שװער.

2. מיר װעלן בױען, בױען, בױען,
מוטיקער אױף אונזער ערד,
מיר װעלן בױען, בױען, בױען,
מער פון קײנעם ניט געשטערט.

3. מיר װעלן בױען, בױען, בױען,
מוטיקער אױף בארג און טאל.
בױען, בױען, בױען,
אלע אלע מיט אמאל!

בלאנדזשע מער ניט



בלאנדזשע מער ניט אין דער פינסטער
וואנדער מער ניט אין דער נאכט
פריי און מוטיג פאראויס יוגענט
ליכט און וויסן איז דיין מאכט

לאזט ניט צווייפלען דיר באהערשן
טויט דעם יאוש אין דיין ברוסט
פריי און מוטיג פאראויס יוגענט
וועט דיין קאמף ניט זיין אומזיסט

אינטערנאציאנאל


שטייט אויף איר אלע ווער ווי שקלאפן
אין הונגער לעבן און אין נויט,
דער גייסט ער קאכט און רופט צום קאמף
צום שלאכט אונז פירן איז ער גרייט.

די וועלט פון געוואלדטאטן און ליידן
צושטערן וועלן מיר, און דאן
פון פרייהייט גלייכהייט א גן-עדן
באשאפן וועט דער ארבייטס מאן.

דאס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענסטער שטרייט.
מיט דעם אינטערנאציאנאל
שטייט אויף איר ארבייטס לייט.

2־טע אָפּטײלונג

„פאָלקס־לידער און פאָלקס־מאָטיוון"



1. בשוב אדני
2. נעלה לארצנו
3. עם ישראל חי
4. הנה מה טוב
5. וטהר לבנו
6. הבה נגילה
7. השיבנו אליך ונשובה
8. יבנה המקדש
9. שים שלום
10. אבינו מלכנו
11. אשאלה אלהים
12. הנני מוכן ומזומן
13. זמרי לי
14. הללויה
15. ביאליק'ס ניגון

1. אלף בית
2. וואָס וועט זײַן אז משיח וועט קומען?
3. א זמר'ל
4. וויל איך זײַן א רב
5. ניט קײַן געבעטענע
6. אמאָל איז געווען א מעשה
7. די מוזינקע
8. זשאמעלע
9. יאָמע, יאָמע
10. מאיר'קע מײַן זון
11. פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא.
12. בין איך מיר א שנײַדער
13. מיט א נאָדל און אָן א נאָדל
14. א ריקוד'עלע
15. יולא־לא־לא

בשוב אדני

בשוב אדני את שיבת ציון

היינו כחולמים,

אז ימלא שחוק פינו

ולשוננו רנה;

אז יאמרו בגוים

הגדיל אדני לעשות עם אלה

הגדיל אדני לעשות עמנו

שובה אדני את שיבתנו

כאפיקים בנגב

הזורעים בדמעה ברנה יקצרו;

נַעֲלֶה לְאַרְצֵנוּ

נַעֲלֶה לְאַרְצֵנוּ בְּרִנָּה (4)

יוֹם גִּילָה, יוֹם רִנָּה,

יוֹם קְדוּשָׁה, יוֹם מְנוּחָה.

עם ישראל חי

2 מעלאדיעס

עם ישראל

עם ישראל חי (2)

עם ישראל, עם ישראל חי

עמך ישראל חי -(3)

עם ישראל חי.

[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

הִנֵּה מַה טּוֹב

הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים

שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד.

וטהר לבנו

וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת.

הבה נגילה

הָבָה נָגִילָה (3) } 2
וְנִשְׂמְחָה.

הָבָה נְרַנְּנָה (3) } 2
וְנִשְׂמְחָה.

עוּרוּ, עוּרוּ אַחִים,

עוּרוּ נָא אַחִים בְּלֵב שָׂמֵחַ (4)

עוּרוּ נָא אַחִים (2) בְּלֵב שָׂמֵחַ. הָבָה נָגִילָה.......

יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ



הוֹי יִבָּנֶה, יִבָּנֶה, יִבָּנֶה,

יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ (2).

שים שלום

א. ראבינאוויץ

שים, שים, שים שלום
שלום וברכה.
לה, לה, לה....

אבינו מלכנו

אָבִינוּ, מַלְכֵּנוּ, חָנֵּנוּ, וַעֲנֵנוּ (2)

כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים.

עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד (2)

וְהוֹשִׁיעֵנוּ.

אשאלה אלהים

אשאלה אלהים
יגאלה שבויים
יאסף זרועים
יאסף זרועים
רחמן רחם.

נעלה לארצנו.
בשירה וזמרה
ובקול רנה
ובקול רנה
רחמן רחם.

הנני מוכן ומזומן

הנני מוכן ומזומן כמו שכתוב בתורה
הנני מוכן ומזומן הנני מוכן ומזומן
הנני מוכן ומזומן כמו שכתוב בתורה
הנני מוכן ומזומן הנני מוכן ומזומן.

זמרי לי

זמרי לי (4) יונה תמימה,
זמרי לי גיל מתימן (2),
יעלו. לו יעלו. (2) ציון מזרחה.

ה ל ל ו י ה


הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּיָהּ בְּצִלְצְלֵי שָׁמַע,

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּיָהּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה,

הללויה, הללויה, הללויה הללויה

כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל־יָהּ הַלְלוּיָהּ.

ביאליקים ניגון



אלף בית

פון ווארשאווסקי

אויף דעם פריפעטשיק ברענט א פײערל
און אין שטוב איז הײס
און דער רבי לערנט קלײנע קינדערלאך
דעם אלף בית
און דער רבי לערנט קלײנע קינדערלאך
דעם אלף בית
זעט זשע קינדערלאך, געדײנקט זשע טײערע
וואָס איר לערנט דאָ
זאָגט זשע נאָך אמאָל
און טאקע נאָך אמאָל
קמץ אלף אָ!
זאָגט זשע...

לערנט, קינדערלאך, האָט ניט מורא,
יעדער אָנפאנג איז שווער,
גליקלאך איז דער איד וואָס לערנט תורה
וואָס דארפן מיר נאָך מער?
גליקלאך איז דער איד וואָס לערנט תורה
וואָס דארפן מיר נאָך מער?
זעט זשע קינדערלאך...

לערנט, קינדערלאך, מיט גרויס חשק,
אזוי זאָג איך אײך אָן.
ווער ס'וועט בעסער פון אײך קענען עברי
דער באקומט א פאָן.
ווער ס'וועט בעסער פון אײך קענען עברי
דער באקומט א פאָן.
זעט זשע קינדערלאך...

אז איר וועט, קינדערלאך, עלטער ווערן,
וועט איר אלײן פארשטײן
וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפיל געוויין...
וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפיל געוויין...
זעט זשע קינדערלאך...

אז איר וועט, קינדערלאך, דעם גלות שלעפן
אויסגעמוטשעט זײן,
זאָלט איר פון די אותיות כח שעפן
קוקט אין זײ ארײן!
זאָלט איר פון די אותיות כח שעפן
קוקט אין זײ ארײן!
זעט זשע קינדערלאך...

אויפן פריפעטשיק ברענט א פײערל...

וואס וועט זיין אז משיח וועט קומען?

1.
זאָג־זשע, רבי'ניו!
וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען,
אז משיח וועט קומען וועלן מיר מאַכן א
סעודה'ניו

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו?
דעם שור הבר מיט'ן לויתן,
דעם שור הבר מיט'ן לויתן,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

2.
וואס וועלן מיר טרינקען אויף דער
סעודה'ניו?

דעם יין המשומר,
דעם יין המשומר,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

3.
ווער וועט אונז תורה זאָגן אויף דער
משה רבינו; סעודה'ניו?
משה רבינו,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

4.
ווער וועט אונז שפּילן אויף דער
דוד המלך, סעודה'ניו?
דוד המלך,
דוד המלך וועט אונז שפּילן,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

5.
ווער וועט אונז חכמה זאגן אויף דער
שלמה המלך; סעודה'ניו?
שלמה המלך,
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאגן,
דוד המלך וועט אונז שפּילן,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

6.
ווער וועט אונז טאנצן אויף דער סעודה'
מרים הנביאה, ניו?
מרים הנביאה,
מרים הנביאה וועט אונז טאנצן,
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאָגן,
דוד המלך וועט אונז שפּילן,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו!

א זמריל

לאָמיר זשע זינגען (בים)
א זמריל, א זמריל.
לחם לאכל, בשר ודגים
וכל מטעמים.

זאָג׳זשע מיר, טאטעניו, וואָס איז לחם?
בײ די גרויסע גבירים איז לחם א בולקע.
און בײ אונז, אָרימע קבצנים, איז לחם א דאַרע
סקאָרינקע.

דאָס איז לחם!
זאָג׳זשע מיר טאטעניו, וואָס איז בשר?
בײ די גרויסע גבירים איז בשר אַן אינדיק,
און בײ אונז, אָרימע קבצנים, איז בשר א דאַרע קישקע.

דאָס איז בשר!


זאָג׳זשע מיר, טאטינקע, וואָס איז דגים?
בײ די גרויסע גבירים איז דגים א העכט,
און בײ אונז, אָרימע קבצנים, איז דגים א געוויאַנזלטער הערינג.


דאָס איז דגים!


זאָג׳זשע מיר, טאטינקע, וואָס איז מטעמים?
בײ די גרויסע גבירים איז מטעמים קאָמפּאָט,
און בײ אונז, אָרימע קבצנים, איז מטעמים געהאַקטע צרות.


דאָס איז מטעמים.

וויל איך זיין א רב.









וויל איך זיין א רב,
קען איך ניט קיין תורה;
וויל איך זיין א סוחר –
האָב איך ניט קיין סחורה.
און די פערד גייען ניט,
און די רעדער דרייען ניט,
און דאָס ווייב שעלט זיך,
א טרונק בראָנפן ווילט זיך,
זע איך מיר א שטיין, –
זעץ איך זיך און וויין.

וויל איך זיין א מלמד,
קען איך ניט קיין אלף;
וויל איך זיין א שוחט –
האלט איך ניט קיין חלף.
און די פערד א.א.וו...

וויל איך זיין א שוסטער,
האָב איך ניט קיין אל;
וויל איך זיין א חזן –
האָב איך ניט קיין קול.
און די פערד א.א.וו...

ניט קײן געבעטענע

פאָלקס־ליד

1. ניט קײן געבעטענע
אלײן געקומען;
כאָטש אן ארימע
פאָרט א מומע.
ארים איז ניט גוט
אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אײגענע בלוט.

2. שרה׳לע די רבצין
די כלה׳ס א מומע;
ניט קײן געבעטענע
אלײן געקומען.
אָרים איז.......

3. שפילט מיר א סעמעלע
ניט קײן קאָזאצקע;
איך בין אן אָרימע
אָבער א כוואטסקע.
אָרים איז.....

4. געגעבן א פימעלע
צוגענומען;
שפילט מיר א סעמעלע,
פאר א מומען.
אָרים איז.....

5. נאט איך א פײעם,
שפילט מיר א סעמעלע;
חנה׳לעס חת׳לע,
רופט מען אברהם׳עלע.
אָרים איז ניט......

מ. ווארשאווסקי

די מוזינקע

שטארקער, פריילאך,
דו די מלכה, איך דער מלך,
אזוי, אזוי איך אליין;
האָב מיט מיינע אויגן געזען
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען –
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

איציק מזיק
די באָבע גייט א קאָזיק.
קיין עין־הרע זעט נאָר זעט,
ווי זי טופעט, ווי זי טרעט,
אזוי א שמחה, אזוי א פרייד –
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

מאָטל שמעון,
אָרעמע לייט זיינען געקומען
גרייט פאר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערע ווײַנען, טייערע פיש,
אזוי, מיין טאָכטער גיב מיר א קיש, –
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

דער טייערער פעטער יאָסע,
די גוטע מומע סאָסיע,
האָבן מיר צום חתן מאָל,
טייערע ווײַנען אָן א צאָל,
מיר געשיקט פון ארץ־ישראל –
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

א. ליטווין

זשאמעלע

דו וועסט זײַן א גביר מײַן זשאמעלע,
פלעגט מיר זינגען בײַ מײַן וויגעלע,
אלע נאכט אמאָל מײַן מאמעלע,
איך געדענק נאָך היינט איר ניגעלע.

און מקוים איז געוואָרן מיר,
די הבטחות פון מײַן מאמעלע.
שווער צו קריגן אזא גרויסן גביר,
אזא עושר ווי איר זשאמעלע.

שלאָפן, שלאָף איך אויף א קערבעלע,
מאַך המוציא אויף א סקאָרינקע,
און לחיים פון א שערבעלע
פול מיט ברונעם וואסער קלאָרינקע.

און דאָס קינדעלע און ס׳ווײַבעלע,
גייען אויסגעפוצט אנטיקעלע.
פול אין אָניטשקעס דאָס לײַבעלע,
און פארגארטלט מיט א שטריקעלע.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

יאָמע, יאָמע.

1.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר א לידעלע
וואָס דאָס מיידעלע וויל -
דאָס מיידעלע וויל א פּאָר שיכאלאך האָבן,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגן...
-- ניין, מאמעשי, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פארשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!

2.

יאָמע,יאָמע, שפּיל מיר א לידעלע
וואָס דאָס מיידעלע וויל -
דאָס מיידעלע וויל א קליידעלע האָבן,
מוז מען גיין דעם שניידער זאָגן...
--ניין, מאמעשי... א.א.וו.

3.

יאָמע,יאָמע שפּיל מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל -
דאָס מיידעלע וויל א היטעלע האָבן,
מוז מען גיין דעה פוצערקע זאָגן...
--ניין, מאמעשי, ניין... א.א.וו.

4.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל -
דאָס מיידעלע וויל א פּאָר אויערינגלאך האָבן
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן...
--ניין, מאמעשי... א.א.וו.

5.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל -
דאָס מיידעלע וויל א חתן'דל האָבן,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגן...
-- יאָ, מאמעשי, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פארשטיין -
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!

ליג איך מײן קעפעלע.

1. ליג איך מיר מײן קעפעלע אױף מײן מאמעס בעטעלע,
גײט מײן מאמע פארבײ, נאָכאנאנד זי טוט און קװעלט;
שלאף מײן טעכטערל הארצינקע,
אױגעלאך האסטו שװארצינקע,
שלאף געזונטערהײט, שלאף געזונטערהײט.

2. ליג איך מיר מײן קעפעלע אױף מײן טאטענ׳ס בעטעלע,
גײט מײן טאטע פארבײ, נאָכאנאנד ער טוט און קװעלט;
שלאף מײן טעכטערל פײנינקע,
ביסט דאך גאר א שײנינקע,
שלאף געזונטערהײט, שלאף געזונטערהײט.

3. ליג איך מיר מײן קעפעלע אױף מײן שװיגערס בעטעלע,
גײט מײן שװיגער פארבײ, נאָכאנאנד זי טוט און שעלט;
מײן שנור איז קײן בריה נישט.
קײן מלאכה טוט זי נישט,
נאָכאנאנד זי טוט און שלאָפט,
נאָכאנאנד זי טוט און עסט.

4. ליג איך מײן קעפעלע אױף מײן מאנס בעטעלע,
גײט מײן מאן פארבײ, נאכאנאנד ער טוט און קװעלט;
שלאף מײן װײבעלע קלײנינקע,
צײנדלאך האסטו שײנינקע, –
שלאף געזונטערהײט, שלאף געזונטערהײט.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מאירקע מײַן זון!

1. מאירקע מײן זון, מאירקע מײן זון!
צי ווײסטו ־ פאר וועמן דו שטײסט?
לפני מלך מלכי המלכים, טאטעניו.

2. מאירקע מײן זון!
וואָס וועסטו אויסבעטן בײ אים?
בני, חײ, מזוני, טאטעניו.

3. מאירקע מײן זון!
אויף וואָס דארפסטו בני?
בנים עוסקים בתורה, טאטעניו.

4. מאירקע, מײן זון!
אויף וואָס דארפסטו חײ?
כל החײם יודוך, טאטעניו.

5. מאירקע, מײן זון!
אויף וואָס דארפסטו מזוני?
ואכלת, ושבעת וברכת, טאטעניו.

6. מאירקע, מײן זון!
צי ווײסטו ווער דו ביסט?
הנני העני ממעש, טאטעניו.

פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא

פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא:

טרא־לא, טרא־די־רי־די־ראם.--

ענטפערט מען: טרא־די־רי־די־ריי־לאם,

אוי־איי, טרא־די־רי־די־ראם!

און אז מען וויל, קען מען אויך זאגן:

טרא־אי־דים?

בלייבט דאך ווייטער די אלטע קשיא:

טרא־לא, טרא־די־רי־די־ריי־לאם.

פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא

פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא:

טרא־לא, טרא־די־רי־די־ראם,—

ענטפערט מען: טרא־די־רי־די־רי־לאם,

אוי־אי, טרא־די־רי־די־ראם!

און אז מען וויל, קען מען אויך זאָגן:

טרא־אי־דים?

בלייבט דאָך ווייטער די אלטע קשיא:

טרא־לא, טרא־די־רי־די־רי־לאם.

בין איך מיר א שניידער׳ל

1. בין איך מיר א שניידער׳ל (ביס)
לעב איך מיר טאָג אוים, טאָג איין,
לוסטיק, פריילאך, פיין.
זאָג מיר שניידער׳ל,
ליבינקער און גוטער,
גיט דיר די נאָדל
גענוג אויף ברויט און פוטער?

איך מאך א וואך,
צוויי גילדן מיט א דרייער;
איך עס נאָר ברויט,
וויל פוטער איז צו טייער.

2. בין איך מיר א שוסטער׳ל (ביס)
לעב איך מיר טאָג־אוים, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילאך, פיין.
זאָג מיר שוסטער׳ל,
האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אוים,
קריגסטו וואו צו לייען?

קיינער לייט ניסט,
קיינער גיט קיין ערבות!
איך בין א שוסטער,
גיי איך טאקע באָרוועס....

3. בין איך מיר א קרעמער׳ל (ביס)
לעב איך מיר טאָג־אוים, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילאך, פיין.

זאָג מיר קרעמער׳ל,
האָסטו מיט וואָס צו האנדלען?
האָסטו אין קרעמל
ראָזשינקעס מיט מאנדלען?

איך האָב אין קרעמל
פאר צוויי גראָשן סחורה!
איך שלעפ דעם דלות
און איך בענטש דעם בורא.

מיט א גאָדל און אָן א נאָדל

מיט א נאָדל און אָן א גאָדל
ניי איך מיר בכבוד גדול (ביס)

אונ אז איך האָב א נאָדל מיט א פאָדעם,
ניי איך מיר אָפ די שענסטע בגדים.

מיט א נאָדל, א.א.וו.

און אז איך האָב א גאָדל מיט א פינגערהאָט
לעב איך מיר אָפ מײַן וועלט באַוווּנט.

מיט א גאָדל ,א.א.וו.

אבי איך נעם די שער און אײַזן,
קאָן איך שוין מײַן ווײַב און קינדער שפּײַזן.

איך פארלייג מיר א פוס אויף א פוס
און זינג מיר א לידעלע צוקער זיס.


מיט א נאָדל און אָן א נאָדל
ניי איך מיר בכבוד גדול א.א.וו.

א ריקודעלע

יו לא-לא-לאי

3־טע אָפּטײלונג

„ארבעטער און חלוצים לידער"



1. דאָס ליד פון ברויט
2. און דו אקערסט און דו זײסט.
3. ארבעט ארבעט
4. העמערל
5. אין קוזניע
6. שיר עבודה
7. מי יבנה בית?
8. א האָרא
9. הבו לבנים
10. זאזלי (כנרת)
11. שיר העמק
12. שיר הנמל
13. עלו לרשת
14. פה עין חרוד
15. שורו הביטו וראו
16. ארצה עלינו
17. גמל, גמלי
18. גילו הגלילים
19. הורה, עלי, עלי
20. סובבוני
21. חניתה (הורה)
22. הי, הי יוללי
23. חן כתף
24. עמנו אל
25. הימים חולפים
26. יח·שלים
27. עזרה ישראל
28. ככה נרקדה
29. יהלל
30. פקד ד'
31. לילה פלא
32. א האָרא
33. איך האָב דעם·ים זיך אָפּגעגעבן
34. זאם לא עכשיו אימתי
35. גמל דבשת
36. העמק הזא חלום

דאָס ליד פון ברויט

פון וואַרשאַווסקי

אראנזשירט פון לעפקאָוויטש

גרויסער גאָט מיר זינגען לידער,
אונזער הילף ביסטו אליין,
נעמט צונויף די סנאָפּעס ברידער
ביז די זון וועט אונטערגיין.–
נעמט צונויף די סנאָפּעס ברידער
ביז די זון וועט אונטערגיין. –

זאָל די זון אונז בריען, בראָטן,
זי האָט אונז געשיינט צום גליק,
זעט דאָס ברויט איז אונז געראָטן,
קינדער קיינמאָל נים צוריק.
זעט דאָס ברויט איז אונז געראָטן,
קינדער קיינמאָל נים צוריק.

גרויסער גאָט, דו העלפסט דעם מענטשן
אז ער רופט צו דיר אין נויט,
זאָלסט אונז טאקע ווייטער בענטשן
מיט הצלחה און מיט ברויט.
זאָלסט אונז טאקע ווייטער בענטשן
מיט הצלחה און מיט ברויט.

לאָזן אונזערע קינדער וויסן
פון א לעבן אויף דער וועלט,
אז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פון אונזער אייגן פעלד.
אז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פון אונזער אייגן פעלד.

גרויסער גאָט מיר זינגען לידער, א.ז.וו.

און דו אקערסט און דו זייסט

ווערטער פון העדוויג

אידיש פון ח.זשיטלאווסקי

א

און דו אקערסט און דו זייסט
און דו פיטערסט און דו נייסט,
און דו האמערסט און דו שפינסט,
זאג מיין פאלק וואס דו פארדינסט?

ב

גלין גלאן, גלין גלאן,
קלאפט דער האמער מיט זיין געזאנג,
גלין גלאן, גלין גלאן,
צערייסט די קייטן פון שקלאפן לאנד.

ג

וועבסט דיין וועב שטיל טאג און נאכט,
גראבסט אונז אייזן פון דער שאכט,
ברײנגסט די שפע אונז אריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

גלין, גלאן.....

ד

נאר וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאר וויו איז דיין יום-טוב קלייד?
נאר וואו איז דיין שארפע שווערד?
וואסער גליק איז דיר באשערט?
גלין, גלאן...

ה

טאג פון ארבעט אויפגעוואכט,
און דערקען דיין גרויסע מאכט,
אלע רעדער שטייען שטיל
ווען זיין שטארקע האנט נאר וויל.

ו

גלין גלאן, גלין גלאן,
קלאפט דער האמער מיט זיין געזאנג,
גלין גלאן, גלין גלאן,
צערייסט די קייטן פון שקלאפן לאנד.

ארבעט ארבעט

1

אַרבעט, אַרבעט, שנײַט די זאַנגען
פֿון די קאַסעס הערט די קלאַנגען
אַרבעט, אַרבעט, איר געזעלנט,
גיך די סנאָפּעס אױפֿצושטעלן.

2

די תבואה איז שױן רײַף געװאָרן,
שנײַט די װײץ און שנײַט די קאָרן,
די הימלען האָבן אונדז באַגליקט,
און אױף דעם פֿעלד אַ ברכה געשיקט.

3

און װי שײן עס איז צו זען
װי די בלומען בליען שײן.
די גרינע ערד מיט גראָז באַדעקט
און יעדעס בלימעלע עס גיט אַ שמעקט.

4

און יעדעס בלימעלע באַװעגט זיך שטיל
און יעדעס צװײַגעלע מיט רוחות פֿיל
אַרבעט מענטש, לעב און געניס
װײַל אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

פון אברהם רייזען.

העמערל.

א.

א, העמערל, העמערל, קלאפ!
שלאג שטארקער א טשוועק נאך א טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטא,
נאר צרות און לייד אן אן עק!

ב.

א, העמערל, העמערל, קלאפ!
עס שלאגט שוין דער זייגער באלד צוועלף
די אויגן, זיי מאכן זיך צו, –
גיב כוח, א גאטעניו, העלף:...

ג.

א, העמערל, העמערל, קלאפ!
שלאג שטארקער די טשוועקעס, שלאג גיך;
ביז מארגן מוז פארטיק שוין זיין
דער גבירה'טעס טאכטער'שעס שיך.

ד.

א, העמערל, העמערל, קלאפ!
ניט גליטש פון מיין האנט זיך ארויס!
מיין איינציקער שפייזער ביסטו,
פון הונגער אן דיר גיי איך אויס!...

אין קוזניצע


אין דער קוזניצע בײַ דעם פֿײַער
שטײט א שמידער און ער שמידט;
ער קלאַפּט דאָס אײַזן, פֿונקען פֿײַער פֿליען
און ער זינגט דערבײַ א ליד.

פֿון דער פֿרײַהײט וואָס וועט קומען —
זינגט ער מוזיק, זינגט ער הײם;
און ער שפּירט ניט ווי עס גיסט זיך
פֿון זײַן פּנים טײַכן שווײס.

שטאַרק באַצויבערט פֿון דער פֿרײַהײט,
זינגט ער ווײַטער און עס קלינגט;
נאָר דער האַמער קלאַפּט נאָך העכער
און ער הערט ניט וואָס ער זינגט.

שיר עבודה

מוזיק מאת וואלבא   ח.נ. ביאליק



1. מי יצילנו מרעב? מי יאכילנו לחם רב? ומי ישקנו כוס חלב, למי תודה, למי ברכה? – לעבודה ולמלאכה!


2. מי יתן לנו כסות בקר? ומי בחשך יתן אור? מי יעלה מים מן הבור? למי תודה...

3. מי נטע עצים בגן, לפרי ולצל, כל מין וזן, ובשדות זרע דגן? למי תודה...

4. ומי טרח ומי דאג ויכן לנו פנת גג? ומי הכין בשר ודג, לכבוד שבת לכבוד החג? למי תודה...

5. על כן נעבד, על כן נעמל, תמיד בכל ימי החל כבד העל, נעים העל! ובעת הפנאי נשיר בקול שירי תודה, שירי ברכה, לעבודה ולמלאכה!

מי יבנה בית?   ח.נ. ביאליק



מי יבנה, יבנה בית בתל־אביב? (2)
אנחנו החלוצים נבנה את תל־אביב!
הבו חמר ולבנים – ונבנה את תל־אביב!

מי יזרע, יזרע שדה בתל־חי? (2)
אנחנו החלוצים נזרע את תל־חי!
הבו לנו זרעונים – ונזרע את תל־חי!

מי יטע, יטע כרם בראשון? (2)
אנחנו החלוצים נטע את ראשון!
הבו לנו גפנים – ונטע את ראשון.

מי ישתל, ישתל פרדס ברחובות? (2)
אנחנו החלוצים נשתל את רחובות!
הבו לנו שתילים – ונשתל את רחובות!

א האָרא

בָּאנוּ בְּלִי כֹּל וָכֹל
אָנוּ עֲנִיֵּי אֶתְמוֹל,
לָנוּ הַגּוֹרָל מָסַר
אֶת מִלְיוֹנֵי הַמָּחָר.

<u>מקהלה:</u>

הוֹרָה עֲלִי, עֲלִי, אֵשׁ הַדְלִיקִי בְּלֵילִי,
טְהוֹרָה רַבַּת אוֹרָה, הוֹרָה מְדוּרָה!

צְאָ נָא לַמַּעְגָּל,
תֵּן נָא שִׁיר מִזְמוֹר לַהָל;
הִנֵּה נֶאֶסְפוּ לִרְקוֹד
בְּנֵי הֶעֹנִי וְהַשּׁוֹד!

הוֹרָה עֲלִי, עֲלִי, אֵשׁ הַדְלִיקִי בְּלֵילִי,
טְהוֹרָה רַבַּת אוֹרָה, הוֹרָה מְדוּרָה!

קומען מיר מיט ליידיקייט,
מיר דעם נעכטנס ארמעלייט!
אונז איז עס באַשערט צו ווערן
מאָרגנס מולטימיליאָנערן!...

האָרא מיין, שטייג אַן מיט מאכט,
צינד אָן פּייער אין מיין נאכט!
ריינע דו, דו פול מיט שיין,
פלאקער־האָרא, האָרא מיין!

גיי ארויס אין קאָראַהאָד,
טאָסט צו דעם, וואָס גאָרנים האָט!
אָט וויים טאַנצט דאָ קינד און קויט
פון דעם גלות, פון דער נויט!

האָרא מיין, שטייג אַן מיט מאכט,
צינד אָן פּייער אין מיין נאכט!
ריינע דו, דו פול מיט שיין,
פלאקער־האָרא, האָרא מיין!

איבערזעצונג פון דוד פינסקי.

הבו לבנים

הבו לבנים,
אין פנאי לעמוד אף רגע!
בנו הבנאים,
אל פחד ואל יגע!
קיר אל קיר נרים לקראת מכשול ופגע.

כלנו נשיר המנון בנין ארצנו:
במקום אתמול יש לנו מחר,
ובעד כל קיר,
בהנף בניננו,
עתיד עמנו הוא לנו שכר.

הבו, הבו לבנים,
כפר, מושב וקרת!
שירו זמר הבונים,
שיר בנין ומרד!

המלים: רחל
המנגינה: י. שרתוק.

ואולי (כנרת)

ואולי לא היו הדברים מעולם, ואולי –
מעולם לא השכמתי עם שחר לגן לעבדו בזעת אפי.
מעולם, בימים ארכים ויוקדים, ארכים ויוקדים של קציר,
במרומי עגלה עמוסה אלמות, לא נתתי קולי בשיר.
מעולם לא טהרתי בתכלת שוקטה ובתם
של כנרת שלי. הוי כנרת שלי, ההיית או חלמתי חלום? (2)

מלים: נ. אלתרמן
מנגינה: ד. סמבורסקי

שיר העמק

א.

באה מנוחה ליגע
ומרגוע לעמל.
לילה חור משתרע
על שדות עמק יזרעאל.
טל מלמטה ולבנה מעל,
מבית אלפא עד נהלל.

מקהלה: מה מה לילה מליל
דממה ביזרעאל.
נומה עמק, ארץ תפארת,
אנו לך משמרת.

ב.

ים הדגן מתנועע,
שיר העדר מצלצל!
זוהי ארצי ושדותיה,
זהו עמק יזרעאל.
תבורך ארצי ותתהלל
מבית אלפא עד נהלל.
מה מה .....

שיר הנמל

המלים: לאה גולדברג. מנגינה לועזית.

א.

למרחקים מפליגות הספינות,

אלף ידים פורקות ובונות,

2 (אנו כובשים את החוף והגל,

אנו בונים פה נמל, פה נמל.)

ב

מוצק הבטון ומורם המנוף,

סירות המטען מגיעות אל החוף,

2 (תכלת מלמטה ותכלת מעל,

ככה נבנה הנמל, הנמל.)

עלו לרשת

המלים: מ. ברנר. המנגינה: ג. גרד.

א. עלו, עלו לרשת

בראש מורם,

מן היבשת

אל הים.

ב. פלאי (2) מולדת

ביד עובדת

2 (הים נגאל - (2)

יפרח (2) נמל.)

פה עין חרד

המליה: א.ז. בן ישי.　　　　　המנגינה: יר״ב יזרחי.

טִיַּלְתִּי בָּעֵמֶק בְּמַקֵּל נָד,
בָּאתִי אֶל כְּפָר - הוּא עֵין חֲרֹד.
לֹא אֵלֵךְ עוֹד הָלְאָה, פֹּה אֶעֱמֹד,
פֹּה טוֹב לָגוּר, פֹּה טוֹב לַעֲבוֹד,
לֹא אֵלֵךְ עוֹד הָלְאָה, פֹּה עֵין חֲרֹד (2).

טִיַּלְתִּי בָּעֵמֶק, צָמֵאתִי מְאֹד,
מַעְיָן מָצָאתִי, הוּא עֵין חֲרֹד,
לֹא אֵלֵךְ עוֹד הָלְאָה, פֹּה אֶשְׁבֹּת,
פֹּה טוֹב לָנוּחַ, פֹּה טוֹב לִשְׁתּוֹת,
לֹא אֵלֵךְ עוֹד הָלְאָה, פֹּה עֵין חֲרֹד. (2)

שורו הביטו וראו

שורו הביטו וראו,
מה גדול היום הזה!
אש יוקדת בחזה,
והמחרשה שוב פולחת בשדה. (2)

את, מכוש, תוריה וקלשון!
נתלכד בסערה –
ונדליקה שוב, שוב את האדמה (2)
בשלהבת ירוקה.

ארצה עלינו...

אין הימלאנד געקומען
אזן ארבעט באקומען,
אי, שווער אנגעקומען,
אך, שווער אנגעקומען!

געפיבערט, געפלאגט זיך,
דאך קיינמאל געקלאגט זיך,
נאר מוט אנגעיאגט זיך,
יא, מוט אנגעיאגט זיך!

שוין אפגעאקערט,) בים
פארטיק מיט זייען)
נאר די זאנגען נאך שטייען,
אך, די זאנגען נאך שטייען!

וואס איז געאקערט,
וואס איז דאס זייען,
ווען די זאנגען נאך שטייען,
אז די זאנגען נאך שטייען...

איבערזעצונג פון
דוד פינסקי.

אַרְצָה עָלִינוּ (6),
כְּבָר חָרַשְׁנוּ וְגַם זָרַעְנוּ (2)
אֲבָל עוֹד לֹא קָצַרְנוּ (4).

גמל, גמלי

גמל, גמלי,

תגר שתה לי בנחיף.

הוי, מה טובו אהליך יעקב,

משכנותיך ישראל.

גילו הגלילים

א) גילו הגלילים, גבורי החיל,
שישו ושמחו יומם ולילה יומם ולילה.........

ב) בחשכת הלילה, נשמע קול חיל,
שירו ישמיע שומר הגליל. שומר הגליל.........

הורה, עלי, עלי!

א

באנו בלי כל ובל,
אנו עניי אתמול,
לנו הגורל מסר
את מליוני המחר.

ב

צא נא למעגל,
תן נא שיר מזמור להל;
הנה נאספו לרקוד
בני העני והשוד!

<u>מקהלה:</u>

הורה עלי, עלי, אש הדליקי בלילי,
טהורה רבת אורה, הורה מדורה!

מאת זעירה

ס ו ב ב ו נ י

(הורה)

1. סובבוני להט אש בוערת
רקדו לי שיר יחיד
זה הזמר, זה ואין אחר עוד
אין אחר עוד לתמיד
טוב, טוב, טוב ....
טוב הזמר עד אין סוף
לא יתם לא יחלוף
מחלמים זמירת מלבבנו הקודח

2. לילה, לילה, לילה ובשקט
מחלקת המחול
כל חיינו אבוקה דולקת
למחר ולאתמול
סוב, סב, סב ....
סב נסבה עד אין סוף
לא יתם לא יחלוף
מלילנו הזורח המחול המחלקח

המלים מאת אורלנד

המנגינה מאת זעירה

חניתה
(הורה)

לילה משתרע
אש מן ההרים
אי משם בוקע
זמר גבורים

הורתנו
ארץ גבורתנו)
גונני) 2
גונני עלינו

אש לבי הלהיטה
אש לבי תלהיב
לך אני חניתה
לך סביב סביב

כי נפלה ארץ
אלף נעפיל
עד יאיר יום פלא
על הרי גליל

אם היתה השחיתה
יד אויביך בך
עוד נקים חניתה
חומותיך לך


מוסיקה מאת ווילנסקי

הי הי יוללי

מלים מאת אוקסנברג

חוּלוּ מְחוֹל הַהוֹרָה
חוּלוּ נָא חֶבְרַיָּה
הִתְלַקְּדוּ הִתְלַקְּדוּ
חוּלוּ נָא חֶבְרַיָּה

יַחַד בְּעֹז וּמֶרֶץ
הַבּוֹנִים הַבּוֹנִים
יַחַד נִבְנֶה הָאָרֶץ
בְּשִׁירָה וּבְרִקּוּדִים



הַי הַי יוּלָלַי
יַחַד הַי יוּלָלַי
יוּלַי יוּלָלַי
עַד בְּלִי דַי

המלים: א. המאירי. המנגינה: מ. זעירה.

תן כתף

תן (5) כתף, עצם את העינים,
מים לנו, שכח את הכל !
יש לך כאב רמסהו ברגלים,
פתח את פיך, ושירה בקול:

אהא, אהא! כלנו נשתגע,
נראה, נחיה, על אף כל הצרות.
אהא, אהא! חפצנו נבצע,
נחיה, נראה נסים ונפלאות.

עמנו אל

עוצה עצה ותופר

דברו דבר ולא יקום,

כי עמנו אל.

הימים חולפים

הימים חולפים

שנה עוברת

אבל החבריה

תמיד נשארת.

מלים מאת המאירי

ירושלים

מעל פסגת הר הצופים שלום לך ירושלים,
מעל פסגת הר הצופים אשתחוה לך אפים.
מאה דורות חלמתי עליך, לזכות לראות באור פניך.
ירושלים, ירושלים! האירי פניך לבנך!
ירושלים, ירושלים! מחרבותיך אבנך!

מעל פסגת הר הצופים שלום לך ירושלים,
אלפי גולים מקצות כל תבל נושאים אליך עינים.
באלפי ברכות היי ברוכה, מקדש מלך עיר מלוכה.
ירושלים, ירושלים! אני לא אזוז מפה!
ירושלים, ירושלים! יבוא המשיח יבא!

עוּרָה יִשְׂרָאֵל

המלים: לוין קיפניס. מנגינה עממית

עוּרָה (6) יִשְׂרָאֵל, עוּרָה, עוּרָה עוּר עַם סְגוּלָה.

הוֹי שׁוּרוּ נָא (2), עַל הֶהָרִים נָאווּ רַגְלֵי הַמְבַשֵׂר.

הַקְשִׁיבוּ נָא (2), בִּשְׁמֵי שָׁמַיִם קוֹל שׁוֹפָר הַמְנַסֵר.

עוּרָה לַ לַ לַ (2), עוּרָה, עוּרָה (2) לַ לַ לַ .... עוּרָה (5) יִשְׂרָאֵל.

קוּמוּ, קוּמוּ בִּנְעָרֵיכֶם וּבִזְקֵנֵיכֶם וּמַטֵיכֶם עַל שִׁכְמֵיכֶם,

כָּל הַשׁוֹאֵף לָאוֹר וְלִדְרוֹר, יָקוּם יָבֹא נָא.

עוּרָה הִתְעוֹרְרָה נָא, לַ לַ לַ ....

עוּרָה הִתְעוֹרְרָה נָא, עוּרָה יִשְׂרָאֵל.

כָּכָה נִרְקְדָה

כָּכָה (4) נִרְקְדָה, כָּכָה, כָּכָה כָּל הָעֵדָה (2)

שְׂאוּ כַּפַּיִם לַשָּׁמַיִם, שְׂאוּ כַּפַּיִם, שְׂאוּ כַּפַּיִם לַשָּׁמַיִם (2).

הוֹי הִתְעוֹרְרוּ, הִתְעוֹרְרוּ, טְרַלַּל . . . .

יהלל


יהלל, יהלל (הרבה פעמים)


מולדתי ארץ כנען,

מגמתי שדות חורן.









פקד ד'

המלים: ברגמן.
המנגינה: מ.זעירא.

א.

אלי מולדתי הבאת אותי
בים גלים וקצף.
מה יפו הריך, אניתי,
לא אשכחך לנצח.

ב.

נשבה פה רוח מהחוף,
ריח פרדסים שכרני.
רפדוני בתפוחים,
כי חולה מולדת אני.

מקהלה: פקד ד' פנת ציון הנדחת,
הוי, מה נעים שבת אחים גם יחד.

מוּסִיקָה מאת
פוסטולסקי
ווילנסקי

לילה פלא

אֶלֶף לַיְלָה וְעוֹד לַיְלָה
חַתִּי שַׁי לָהּ
לְאַרְצִי זוּ הַקְּטַנְטֹנָה
אַךְ לֹא דַּי לָהּ

אֶלֶף פֶּלֶא וְעוֹד פֶּלֶא
עַל כָּל הַר וְכָל סֶלַע
אֶת אַרְצִי זוּ הַקְּטַנְטֹנָה
חַתִּי שַׁי לָהּ

לַיְלָה פֶּלֶא
פֶּלֶא לַיְלָה
זֹאת הִיא הַחֲמוּירָה
מְכוֹרָה

א האָרא

קום נאַר, ברודער, דריי זיך דריי
נישט גערוזט אין טעם געווי״!
נישט קיין אָנהייב, נישט קיין סוף,
האנט אין האנט, און הער נישט אויף.

טאָג פארגייט און טאָג שיינט אויף,
זאמלט ברידער, זיך צונויף
צי פון דאָרף, און צי פון שטאָדט,
צו דעם ארבעט-קאָראהאָד!

איבערזעצונג פון דוד פינסקי.

קוּמָה אֶחָא סֹב וָסֹב
אַל חָנוּחָה שׁוּבָה שׁוֹב
אֵין כַּאן רֹאשׁ וְאֵין כַּאן סוֹף
יָד אַל יָד אַל תַּעֲזוֹב

יוֹם שָׁקַע וְיוֹם יִזְרַח
אָנוּ נֶפֶן אָח אֶל אָח
מִן הַכְּפָר וּמִן הַכְּרָךְ
בְּחֶרְמֵשׁ וּבַאֲנָךְ.

איך האָב דעם ים זיך אָפגעגעבן

א

איך האָב פאַרגעסן אלע ליבסטע
כ'האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז
כ'האָב דעם ים זיך אָפגעגעבן
טראָג מיך ים צום מוטער'ס שויס.

ב

און דו מערב־ווינט געטרייער
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין הארץ מיט אדלער פליגל
זוכט שוין לאַנג צו איר א וועג.

ג

אָנגעברויזט האָט דער ים זיך,
און געקנייטשט זיך און געקרימט,
פלוצים האָט ער זיך צובייזערט
און ער וויעגט זיך שוין און ברומט.

ד

און אַט לויפן שוין אנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים,
כוואַליעס ליבן, כוואַליעס שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דיין תהום.

ה

אַט האָט זיך א מאַל געעפנט
אַט שטייט אויף א הויכער באַרג,
פלאַטער זעגל בויג זיך מאַסטבוים
צו מיין הארץ בלייב פעסט און שטאַרק.

ו

האָסט א גרויסן גאַט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

ואם לא עכשיו אמתי?

ואם לא עכשיו אמתי?
חלוצים גיבער,
חלוצים זיכער,
נימט אראפגעלייזט די קעפ.
טאקט זיין די פעקלאך,
פארנייט די זעקלאך,
ווייל דער פזיעסט פארט אוועק.
פרזשמשיי מי פסעדרוזיא,
פרזשמשיי קלאמשאווא,
יעדזים, יעדזים נאפסעגדא,
ארצה ישראל!

גמל גמלי

גמל; גמלי, גמל דבשת,
חיש, חיש, מהר, מהר,
אלי לגשת.


מהר וחיש, כרע נא ברך,
ויחד אז נצא לדרך.
לו, לו; לו; לו; לו,
לו, לו, לו, לו, לו.

העמק הוא חלום

הָעֵמֶק הוּא חָלוֹם, זֹהַר וְאוֹרָה,
מִלַּיְלָה וְעַד יוֹם חוֹלוּ הַהוֹרָה (2).
נָלִינָה בַּכְּרָמִים, הִבְשִׁילוּ עֲנָבִים,
מִקְצֵה רָקִיעַ שַׁחַר הִבְקִיעַ! הֵי, הֵי,
הָעֵמֶק ....

4־טע אפטײלונג:

„קינדער לידער"



1. לאמיר זינגען א ליד צו דער אידישער שול
2. נומי, נומי
3. שירת החליל
4. שה וגדי
5. בגליל
6. שירת.הבאר
7. הידד, גינה קטנה
8. אונטער די גרינינקע בוימעלאך
9. הײדא נו צוריק אין חדר
10. א רעגן געבעט
11. בלומען
12. פרילינג
13. די בין
14. קומט א פויגל צו מײן שויב.
15. די פראש
16. א מעשה'לע
17. דרײ אינגעלאך
18. קינדער קומט דער פרילינג רופט
19. דער ווינטער
20. גרעזעלאך בליען
21. שלאף מײן קינד
22. אין אן ארים שטיבעלע
23. די מוזיקאנטן
24. קומט דער ליבער זומער.
25. קארנשװעסטערלאך

לאָמיר זינגען א ליד צו דער אידישער שול

ווערטער פון י. נחום. מוזיק פון ש. ווײַנער.

1.

(3) לאָמיר זינגען א ליד צו דער אידישער שול

(3) וואָס איז אלעמען אונז אזוי טײַער.

לאָמיר זינגען מיט פרייד און מיט האָפנונג פול } 2
אויף א וועלט א באפרײַטער, א נײַער.

2.

(3) לאָמיר לערנען פון די וועלכע האָבן געבויט,

(3) און אין קאמף זײער מוט ניט פארלאָרן,

לאָמיר טראָגן דעם גײַסט וואָס מען האָט אונז פארטרויט, } 2
שוין פיל טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

3.

לאָמיר זינגען א ליד צו דער אידישער שול,

וואָס איז אלעמען אונז אזוי טײַער.

אנגל

נומי, נומי

נומי, נומי ילדתי!
נומי, נומי, נים!
נומי, נומי, קטנתי!
נומי, נומי, נים!

אבא הלך לעבודה -
הלך, הלך אבא!
ישוב עם צאת הלבנה -
יביא לך מתנה.

שירת החליל

המלים: י. טינברג. המנגינה: מ. זעירה.

מקהלה: הנה אחללה בחלילי, בדומית לילי,
ישמע אדם, יקשיב הצאן לזה השיר, לזה הרן.

א

א) מני עדר תעה גדי
לא בגדי, לא בגדי,
יען בא אל אהלי
בצאתי אל פעלי.

ב) ראש חכך בלאט הגדי
ביתרי וביחדי,
חוסה נא, הגידה אח,
היש מקום לגדי מודח?

שה וגדי

שה וגדי, גדי ושה,
יחדיו יצאו אל השדה.
עת צהרים,
אל מעין
רצו לשתות מים
אחד לבן,
שני שחרחר, עת תלתלי אזניו,
פעמונים מצלצלים על צואר עדים.
אל המעין רצו עדרים,
אל המעין רצו הדרים.

ישבו לארץ הרועים,
רגע קט לנוח.
פת בשמן מטועמים
וזהב תפוח. –
אוצו רוצו, שובבים,
השמחה בה תרב.
הביתה עוד מעט שבים,
הנה בא הערב.
לי, לי, לי – רנן חלילי,
לי לי לי – רנן חלילי:

ב ג ל י ל

המלים: ברוידס. המנגינה: מ. רבינא.

1. עלי גבעה שם בגליל
יושב שומר ובפיו חליל.
הוא מחלל שירת רועה
לשה, לגדי, לסיח תועה.

2. הוא מחלל, קורא שלום,
אלי, אלי, גשו הלום:
יש מנגינות בפי חליל
יש אגדות, פה בגליל.

שירת הבאר

המלים: ח.נ. ביאליק. המנגינה: שרה לוי.

עלי באר, באר עלי
וצקי מי פז מלא הדלי.

שה צח ורך, שה צמא לי,
יבא וישת ממי הדלי.

הידד, גנה קטנה

הֵידָד (2), גִּנָּה קְטַנָּה !

שָׁלוֹם, שָׁלוֹם לָךְ רַעֲנַנָּה, הֵידָד (2), גִּנָּה קְטַנָּה.

אֶת הָעֵצִים כִּסּוּ עָלִים,
וּבַפְּרָחִים יָרְדוּ טְלָלִים.
הַצִּפֳּרִים עָפוּ, בָּאוּ;

הֵן מְסַפְּרוֹת מַה שֶּׁרָאוּ,
מַה שֶּׁשָּׁמְעוּ בַּמֶּרְחַקִּים,
לַכְּנָפַיִם הַיְרַקְרַקִּים.
הֵידָד...

אונטער די גרינינקע בוימעלאך

ווערטער פון ביאליק.
מוזיק פון גאלדפארב

אונטער די גרינינקע בוימעלאך
שפילן זיך משה'לאך, שלמה'לאך
ציצית, קאפאטקאלאך, פאה'לאך
אידעלאך פריש פון די אייערלאך.
גופים'לאך, שמרוי, רויך און פעדערלאך,
נעם און צובלאז זיי אויף גלידערלאך
כאפן זיי אויף גרינע ווינטעלאך
און עס צוטראגן זיי פויגעלאך.

נאר איין זאך פארמאגן זיי אייגעלאך
די אייגעלאך פארמאגן צווי פינטעלאך
וואס גליען און פינקלען און טוקן זיך,
און עפעס ווי נביא'ש און וואונדערלאך
פארטראכטן זיך טיף און פארקוקן זיך
אויף נעבעכדיקע טעג און אויף פייגעלאך,
אוי, מיר זאל זיין, אידישע קינדערלאך,
פאר אייערע כשר'ע אייגעלאך!........

װערטער פון
ה. רויזענבלאט

הײדא נו צוריק אין חדר

הײדא נו, צוריק אין חדר,
און גענומען זיך געשמאק
צו דעם לימוד, צו דעם אלטן,
מיט א נוסח מיט א קנאק.

צו האט איר קינדער ניט פארגעסן
און א ליכטל מיטגעבראכט,
אפילו זײנען קלײן די טעג שוין,
לערנען, לערנט מען הײנט בײנאכט.

לערנט קינדערלאך די תורה,
אירע מזדות טיף און גרויס,
לערנט, לערנט, ליבע קינדער,
ביז דאס ליכטעלע גײט אויס!

א רעגן געבעט

י. פיכמאן

גאָט גאָט גיב א רע - גן פאַר די קליי - נע קינ - דער וועגן

גיב אין זכות פון קינ - דער קליי - נע וואַ - סער לוי - טער

און רײ - נע און צו - ליב די קינ - דער - תּפ - לה

זאָ - לן קוואַ - לן פלי - סן קי - לע

1.
גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פאַר די קליינע קינדער וועגן!

2.
גיב אין זכות פון קינדער קליינע
וואסער לויטערע און ריינע;

3.
און צוליב די קינדער־תפלה
זאלן קוואלן פליסן קילע.

4.
גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פאַר די קליינע קינדער וועגן;

5.
וואו א גראָז, א זאנג א דארע –
שיק זיי שפע פון א כמארע.

6.
און פון הימלס ליבע טרערן
זאלן גרין די פעלדער ווערן;

בלומען

משה בראָדערזאָן.

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן!
גייען מיר מיט פולע קוישן.
בלומען אָן א שיער...
גייען מיר ארומגענומען,
און באקראנצט מיט יונגע בלומען,
אין דעם בונטן ציר ...

זינגען, שפרינגען מיר און טאנצן
און פון גליק די אויגן גלאנצן
בלומענדיק און ריין!
ווער באקראנצט וויל זיין פון בלומען
זאָל צו אונז, צו אונז זאָל קומען,
קומען זאָל צוגיין!

מיר'ן אָפגעבן אינגאנצן!
און אין פעלדער ווייטער טאנצן,
לאָזן ווייט זיך גיין!
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינדער,
וויל מיר זיינען אלע קינדער —
בלימעלאך אליין!

העי, איר ברידער, שוועסטער פריילאך!
ווי שולמית, שלמה מלך —
קומט אויף בלום־שפאציר...
פעלדער גרינען, וועלדער רוישן —
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן א שיער! —

פרילינג

ש. פרוג.

1.
דאָס טײַבעלע וואָרקעט,
דאָס טײַבעלע רופט;
שטײַט אויף קינדער, ליבטיק
און פריש איז די לופט!

2.
עס ציען זיך, זעט נאָר,
פון הימל און פאלן,
ווי גאָלדענע פאָדעם
די וואַרימע שטראַלן.

3.
דאָס בינעלע זשומזעט,
און זויגט אָן א מאָס
די זאפט פון די רויזן,
דעם טוי פון דעם גראָז.


4.
די פויגעלאַך זינגען
אין וואלד און אין טאָל!
עס הערן זיך לידער
אַרום אָן א צאָל.

5.
די פישעלאַך שווימען
אַרויף אויף א וועל,
זיי טאנצן אין וואַסער
ווי שנעל, אך, ווי שנעל!

6.
עס בליען די בוימער
און בלימעלאַך שיין,
צו אונז איז דער פרילינג
געקומען צוגײַן!

די בין

יהואש



1.
פון איר קליינעם קעמערל
זומענדיק א זמר'ל
קומט ארויס די גאָלדענע
די רירעוודיקע בין.

2.
זעט זי וואו א ביטעלע,
שפירט זי וואו א קוויטעלע,
צושפרייטנדיק די פליגעלאך,
לאָזט זי זיך אהין.

3.
זוכנדיק און שמעקנדיק,
נישטערט, נישטערט לעקנדיק,
אונטער יעדן גרעזעלע,
אונטער יעדן בלאט.

4.
נעמט זי נאָר וואָס זיבטיק איז,
ריכטיק זיס און ציכטיק איז,
קלייבט זי אויס וואָס גוט נאָר איז,
מיידט זי אויס, וואָס ס'שאדט.


5.
די ארבעט, אך, פארמאטערט זי,
פריילאך אבער פלאטערט זי
מיט איר גרויסן אוצר'ל
אין איר קליינעם הויז: —

6.
ווען זי האָט געפונען שוין,
וואָס זי דארף אין זונענשיין,
ארבעט זי אין פינסטערניש,
דעם זיסן האָניק אויס.

מוזיק פון
פיראזשניקאָוו

קומט א פויגל צו מײן שויב

ווערטער פון יהואש




קומט א פויגל צו מײן שויב
קלאפט ער צוײ מאָל אָן
פויגל שײן דו פויגל קלײן
וואָס זאָל איך דיר טאָן?
צוי, צוי, צוי...
און א וואָרט נים מײן
צוי, צוי, צוי...
קען איך ניט פארשטײן.


קום איך צו א וואסערל
הער איך ווי ער שרײט
וואסער ליבער זאָג מיר וואָס
דײן געשרײ באדײט?
פליו, פליו, פליו...
און א וואָרט ניט מײן
פליו, פליו, פליו...
קען איך ניט פארשטײן.


שושקעט זיך דאָס גאנצע פעלד
ווען איך גײ פארבײ
זאנגען ליבע זאגט וואָס מײנט
אײער שושקערײ?
שו, שו, שו...
און א וואָרט ניט מײן.
שו, שו, שו...
קען איך ניט פארשטײן.

די פראָש

יהואש







1. געװען איז א פראָש אין א גרין סאַמעט קלייד,
קװא־קװא...
געװען איז א פראָש אין א גרין סאַמעט קלייד,
מיט א פאַרװעך א װײַסן פון פאַרנט פאַרשפּרייט.
קװא־קװא...

2. איר שטוב איז געװען פון לזימער א־איר,
קװא־קװא...
איר שטוב איז געװען פון לזימער א־איר,
פון שטראַלן די פענצטער, פון װאַסער די טיר.
קװא־קװא...

3. פון טייך אױפן ברעג, און פון ברעג אינעם טייך,
קװא־קװא...
פון טייך אױפן ברעג, און פון ברעג אינעם טייך,
װער האָט אזא מאַנטל, װער איז אזוי רייך?
קװא־קװא...

4. איז געקומען א בושל, א הױכער צו גיין,
קװא־קװא...
איז געקומען א בושל, א הױכער צו גיין,
די פיס װי די שפּענער, דער שנאָבל פון ביין.
קװא־קװא...

5. האָט גענומען די פראָש אינעם גרין סאַמעט קלייד,
קװא־קװא...
האָט גענומען די פראָש אינעם גרין סאַמעט קלייד,
פאַר די קינדערלאַך זיינע א סעודה געגרייט.
קװא־קװא...

א מעשה׳לע

ווערטער פון ב. י. ביאלאסטאָצקי
מוזיק פון מיכל געלבארט

Coda

אין הימל שווימט א וואָלקנדל,
א וואָלקנדל אָן רו...
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל־
דאָס איז דאָך בלויז א מעשה׳לע,
א ציגעלע א ווייסעלע...
דאָס וואָלקנדל ביסטו.־
פון הימל פאלט א רעגנדל,
עס מאכט דער טאָג זיך צו...
יע רעגנדל, ניט רעגנדל ־
דאָס איז דאָך בלויז א מעשה׳לע,
א ציגעלע א ווייסעלע ־
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד א זאנגעלע,
א זאנגעלע ליו־ליו...
יע זאנגעלע, ניט זאנגעלע ־
דאָס איז דאָך בלויז א מעשה׳לע,
א ציגעלע א ווייסעלע ־
דאָס רעגנדל ביסטו.
א מיל, א מיל, א מילכעלע,
און פליגלען פיר זשו־זשו...
יע מילכעלע, ניט מילכעלע ־
דאָס איז דאָך בלויז א מעשה׳לע,
א ציגעלע א ווייסעלע ־
דאָס מילכעלע ביסטו.

א וואָלקנדל,
א רעגנדל,
אָ, מאך די
אויגן צו!...
ניט וואָלקנדל,
ניט רעגנדל,
ניט זאנגעלע,
ניט מילכעלע,
ניט ציגעלע
ניט ווייסעלע ־
מיין מיידעלע
ביסטו.

דריי אינגעלאך.

ווערטער פון י. גרויכבערג

די מאמע האָט דריי אינגעלאך,
דריי אינגעלאך געהאט,
מיט ווייבע רויטע בעקעלאך,
ווי צארטער טאמעט גלאט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע חיים־שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן –
מע זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אייך אָפּגענאַרט!
איך האָט געוואוסט, איר וואַרט.
דאָס דריטע קליינע אינגעלע
דאָס דריטע, דאָס בין איך.

די מאמע האָט דריי ניטעלאך
פון דעם יריד געבראכט,
דריי גוטע פעטע ניטעלאך,
דריי ניטעלאָס א פראכט.

איז איינס געווען פאר בערעלען
און איינס פאר חיים־שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניטעלע –
האָט זי געלאָזט פאר זיך.

איר וואונדערט זיך אביסל:
פאר וואָס ניט מיר א ניסל?
ווייל ניסן, ניסן ניטעלע –
דאָס דריטע, דאָס בין איך!

די מאמע האָט אהיים געבראכט
צוויי ניטעלאך און מיך,
צוויי ניטעלאך פאר די ברידערלאך
און מיר צוויי נייע שיך.

נאָטן געשריבן פון ראַבינאָוויטש.

קינדער קומט דער פרילינג רופט.

ווערטער פון מ. ריוועסמאן. מהוצאת יובל.

קינדער, קומט – דער פרילינג רופט,
בלוי דער הימל, קלאר די לופט,
ס'שמעקן זיס די פרישע בלומען,
און די טייכלאך פריילאך ברומען –
לויפט אין פרייען פעלד!
הערט, די פויגעלאך זינגען,
פליען הויך און קלינגען,
העלפט זיי, קינדער, שפרינגען...
ליכטיק איז גאט'ס וועלט.

קינדער! איצט איז אייער צייט,
ס'איז דער הערבסט שוין גאר ניט
ווייט,
ער מאכט געל די גרינע בלעטער,
ער ברענגט אונז א שלעכטעס וועטער,
רעגן אן א סוף
קינדער! היילט זיך אונטער,
זייט זשע פריילאך, מונטער,
וויל דער לאנגער ווינטער
ווארפט אויף אלץ א שלאף.

דער ווינטער

פון ווארשאווסקי

letzter mol

אוי העלפט מיר, קינדער, אונטער, –
קיין כחות איז ניטא...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד:
מיט זיך א בעזעם טראָגט ער: –
און קערט, און קערט, און קערט!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט ווי צו זיך אהיים,
מיט דער ווייטער באָרד און פאות,
מיט דער ווייסער, גרויסער ברעם.

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
באַטש שריי, באַטש וויין אָן שיעור...
וואו צער און עלענד וואוינען,
דאָרט קלאַפט ער אין דער טיר.

אוי העלפט מיר, קינדער, אונטער, א.ז.וו.

טאנץ-ליד.

1. די גרעזעלאך בליען
אין וואלד אלע גלייך -
א קינד מעג זיין פריילאך,
צי אָרים, צי רייך.
מיר אָבער זיינען
נאָך קינדערלאך קליין:
אונז פאסט נאָך זיין פריילאך
און טאנצן צו גיין.
טריי-ליי-ליי, טריי-ליי-ליי, (3)
ליי-ליי-ליי (2)
טריי-ליי-ליי!


2. די זון שיקט אונז אלע
איר ברכה, איר שיין,
צי דארף מען דען גיטער
אויף גליקלאך צו זיין!
אונז פאסט נאָך זיך דרייען
ראָד-אויס און ראָד-איין -
אז וואויל איז אונז אידישע
קינדער צו זיין!
טריי-ליי-ליי, טריי-ליי-ליי (3)
ליי-ליי-ליי (2)
טריי-ליי-ליי!

3. וואויל דעם, וואָס פארמאָגט נאָר
א הארץ, גוט און פרום,
און אויגן, וואָס קוקן
אויף קיינעם נית קרום.
מיר אָבער, א.אז.וו.

4. וואויל דעם, וואָס די תורה
ביי טאָג און ביי נאכט
מאכט לוסטיג זיין לעבן,
זיין הארץ פריילאך מאכט.
אונז פאסט נאָך, א.אז.וו.

שלאף מײן קינד

פאָלקס־ליד



שלאף מײן קינד,

איך װעל דיר װיגן,

איך װעל דיר זינגען

א שײנעם ניגון,

שלאף מײן קינד אין דײן רו,

מאך זשע דײנע אויגעלאך צו.

מאך זײ צו

און עפן זײ אפ

א געזונט דיר

אין דײן קאפ,

מאך זשע דײנע אויגעלאך צו

שלאף מײן קינד אין דײן רו.

אין אן אָרים שטיבעלע

מיכל געלבאַרד

אין אן אָרים שטיבעלע
אָהנט צײַט בײַם קוימען
שפּינט א ליבע מוטער דאָרט
פאַר דעם קינד אירס טרוימען.

זינגט זי אים א לידעלע
פּאַטשט ער מיט די הענטאַלאך
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע
זינגען מיט די ווענטלעך.

פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלאך
אוצר'ל מײַן שײנער
פּאַפּע ט'קויפן שיכעלאך
זונעלע מײַן קלײנער

פּאַפּע ט'קויפן שיכעלאך
מאַמע ט'שטריקן זעקעלאך
פּאַפּע ט'קויפן פערדעלאך
מאַמע ט'אָנטאָן גלעקלעך

אָט אזוי אין א שטיבעלע
הערשט אי גליק אי פרײַדן
זײַט בײַ זײַט מיט אָרימקײַט
וואוינט דאָרט א גן־עדן.

גרעסער איז די ליבע דאָרט
גרעסער איבער אלעם
שטאַרקער איז די ליבע דאָרט
שטאַרקער ווי דער דלות.

די מוזיקאנטן

1. בין איך מיר א גרויסער שפילער
רופט מען מיך ר' אידל
אלע שענסטע פיינסטע לידער
שפיל איך אויף מיין פידל
איי, איי איז דאס א גרויסער שפילער
רופט מען אים ר' אידל
אלע שענסטע פיינסטע לידער
שפילט ער אויף זיין פידל
איי, איי איז דאס א שפילער
שפילט ער לידער נייע
ווען ער פידלט אויף זיין פידל
טאנצט זיך א מחיה

2. בין איך מיר א גרויסער שפילער
רופט מען מיך ר' בייקל
אלע שענסטע פיינסטע לידער
שפיל איך אויף מיין פייקל.
איי, איי איז דאס א גרויסער שפילער
רופט מען אים ר' בייקל
אלע שענסטע פיינסטע לידער
שפילט ער אויף זיין פייקל
איי, איי איז דאס א שפילער
שפילט ער לידער נייע
ווען ער פויקלט אויף זיין פויקל
טאנצט זיך א מחיה.

3. בין איך מיר א גרויסער שפילער, רופט מען מיך ר' איזאק. האב איך א טראמפעט א גרויסן, בלאז איך ווי א בלאזזאק. איי, איי....

4. בין איך מיר א גרויסער שפילער, רופט מען מיך ר'גימבל. אלע שענסטע פיינסטע לידער שפיל איך אויף מיין צימבל. איי, איי...

5. זיינען מיר כלי זמרים אלע, שפילן א מחיה. זינגען, שפילן מיר כסדר לידער שיינע נייע. איי, איי איז דאס כלי זמרים שפילן לידער נייע. ווען זיי שפילן

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער, זומער,
שפּילן מיר אין זאמד;
וואו ס'איז אונזער וואוינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין;
א גוטן חבר נעמען מיר,
א שלעכטן לאָזן מיר גיין.

ווערטער: ד. איינהארן
מוזיק: י. ענגעל


קארנשוועסטערלאך

1. קענט איר, קינדערלאך,
די קארנשוועסטערלאך?
זיי זיינען בלימעלאך,
אין פרייען פעלד.
עס גיבן בלויאינקע,
עס גיבן רויטינקע,
אויך גיבן געלינקע,
ווי איך געפעלט.
זיי וואקסן טויזנטער,
אין אלע ווינקאלאך
וואו זאנגען וויגן זיך
און תבואה בליט.
גאטס וועלט באקרוינען זיי,
זיין ברויט באשיינען זיי,
און בליען לוסטיקע
פון זון געהיט.

2. די פעלדער שפרייטן זיך
שוין אפגעשניטענע,
עס ליגט דער קארן שוין
און ווארט אין מיל.
געבליבן זיינען נאר
אין פעלד די געלינקע,
די שוועסטער־ברידערלאך
וואס וואקסן שטיל:
דריי געלע פלימערלאך,
צוויי ווייסע פלימערלאך,
פאראייניקט שפראצן זיי
צווישן שטרוי
און ווינען, טרויערן
אויף אלע בלימעלאך
און וועלקן שטילינקע
אין קאלטן טוי.

5־טע אָפּטײלונג:


„אלגעמײנע און הומאָריסטישע לידער"





1. מאי קא משמע לן
2. א װינטער ליד הוליעט - הוליעט
3. דער פרילינג
4. א פרילינג ליד
5. פישער ליד
6. אידיש
7. שיפן גײען אױפן ים
8. לאָמיר אלע אינײנעם
9. תל אביב
10. לחיים חברים
11. ארום די טישן
12. צי װײסט איר דאָס לאנד?
13. שא שטיל
14. דער פילאָזאָף
15. דער רבי אלימלך
16. ס'איז ניטא קײן נעכטן
17. װאו ביסטו געװען?
18. אלע ברידער
19. אונטער א קלײן בוימעלע
20. א מײדל אין די יאָרן
21. דער בעל־עגלה
22. באלעבוסטע זיסינקע
23. א בחור א הולטײ
24. די בײקע
25. אײן מאָל טו איך זיך באנײען
26. דער רבי'לע דער גבאי'לע
27. הצליחה נא


פון אברהם רייזען.

מאי קא משמע לן









א.

מאי קא משמע לן דער רעגן?
וואס'זשע לאזט ער מיר צו הערן?
זיינע טראפנס אויף די שויבן
קייקלען זיך, ווי טריבע טרערן.

ב.

און די שטיבל איז צוריסן
און עס ווערט אין גאס א בלאטע;
באלד וועט אויך דער ווינטער קומען –
כ'האב קיין וואַרימע קאפאטע...

ג.

מאי קא משמע לן דאס ליכטל?
וואס'זשע לאזט עס מיר צו הערן?
ס'קאפעט און ס'טריפט איר חלב
און ס'וועט באלד פון איר נישט ווערן.

ד.

אזוי צאנק איך דא אין קלייזל,
ווי א ליכטל שוואך און טונקל,
ביז איך וועל אזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל אין מזרח־ווינקל...

ה.

מאי קא משמע לן דער זייגער?
וואס'זשע לאזט ער מיר צו הערן?
מיט זיין געלבן ציפער בלעטל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערן?

ו.

ס'איז אן אנגעשטעלטע כלי,
ס'האט קיין לעבן, קיין געפילן,
קומט די שעה, דא מוז ער שלאגן
אן זיין רצון, אן זיין ווילן...


ז.


מאי קא משמע לן מיין לעבן?
וואס'זשע לאזט ער מיר צו הערן?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאר דער צייט פארעלטערט ווערן.


ח.

עסן טעג און שלינגען טרערן,
שלאפן אויפ'ן פוסטן דעם הארטן,
טויטן דא די "עולם הזה"
און אויף עולם הבא ווארטן...

א ווינטער ליד - הוליעט, הוליעט







הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, ווארפט די בוימער,
טוט וואס אייך געפעלט!

רייסט די לאדן פון די הייזלאך,
שויבן ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטל ערגעץ טונקל,
לעשט מיט צארן אויס

טרייבט די פויגל פון די וועלדער,
און פאריאגט זיי פארט.
די וואס קענען ווייט ניט פליען,
טייט זיי אויפן ארט!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט,
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאך ווייט!......

דער פרילינג

פון פרץ הירשביין

אראנזשירט פון לעפקאוויטש

דער פרילינג געקומען,
דער שניי איז צוגאנגען
זיצט אין א שטייגל
א פויגל געפאנגען.


עס קלינגט אין די וועלדער
דעם ווינטערס געזאנגען,
זיצט אין א שטייגל
א פויגל געפאנגען.


דער טאג איז אוועק
די זון שוין פארגאנגען,
זיצט אין א שטייגל
א פויגל געפאנגען.

פרילינג ליד

פון ריוועסוואַן

מוזיק פון מענדעלסאָן





איבער פעלדער פליט מיין ליד,
און דאָס האַרץ העלפט זינגען,
זאָל דאָס ליד ניט ווערן מיד,
און אָן אויפהער קלינגען!

פאַר דעם פרילינג קלינגט מיין שיר,
יעדער הערן זאָל אים.
און דער רויז זאָל ער פון מיר
אָפּגעבן אַ „שלום".

פישער ליד

עליזה גרינבלאט

1. פארט א פישער אויפן ים
ער פארט ארויס באגינען
ס'האפט דער פישער מן הסתם
פישעלאך געפינען
טרא לא לא לא לא לא לא } 2
פישעלאך געפינען

2. קומט דער פישער טרויעריק
ער האט קיין פיש געפאנגען
און איך בין מזרה שחורה'דיק
א חלום איז פארגאנגען
טרא לא לא לא לא לא לא } 2
א חלום איז פארגאנגען

1. די וועלט איז פול מיט רעדן
עס רעט דאָך יעדע זאַך
און יעדער אויף זיין שטייגער
און יעדער אויף זיין שפראַך.

2. און אידן רעדן אידיש
אויף אלע עקן וועלט
אין אפריקע אין היסער
און אין סיביריער קעלט.

3. און אידן רעדן אידיש
ווייל אידיש איז דאָך שיין
און גרינג א צווייטן אידן
פארשטיין ווי זיך אליין.

[illegible]

[illegible]

[illegible]


שיפן גייען אויפן ים

פון עליזה גרינבלאט


1) צי איך מיינע זעגלען אן
אויף אונזער שיף דער נייער
אז פלאטערן זאל ווײס בלויעפאן
א שטאלצע און א פרייע
שיפן גייען אויפן ים
בין איך דאך דער קאפיטאן
פיר איך אונזער ארבעט אן
אויף א וועג א נייען.


2) פירן וועל איך שיפן ווייט
דורך גרעסטן שטורעם
פון מזרח און פון מערב זייט
ביז צפון און ביז דרום
שיפן גייען אויפן ים
בין איך דאך דער קאפיטאן
פיר איך אונזער ארבעט אן
אויף א וועג א נייען.


3) ס'זענען מיינע ארעמס שטארק
שטארקער נאך ווי אייזן
וועלן מיר דער גאנצער וועלט
א נייעם וועג באווייזן
שיפן גייען אויפן ים
בין איך דאך דער קאפיטאן
פיר איך אונזער ארבעט אן
אויף א וועג א נייען.





לאמיר אלע אינאײנעם.











לאמיר אלע, אלע אינאײנעם,
דעם רבי׳ן, דעם רבי׳ן מקבל פנים זײן.
לאמיר אלע אינאײנעם,
לאמיר אלע אינאײנעם,
טרינקען א גלעזעלע װײן.
לאמיר אלע אינאײנעם,
לאמיר אלע אינאײנעם,
דעם רבי׳ן משמח זײן!

המלים: א. המאירי
המנגינה: תימנית

ת ל - א ב י ב

1. חל אביב היא עיר יהודית שכלה ישראל
יהודים בה - גם העשיר וגם הפועל.
טוב לחיות בחל אביב, בארץ ישראל,
טוב לחיות, ולחכות לביאת הגואל.

מקהלה: שבחו והודו לחל אביב;
החביבה לנו מכל חביב,
אשר ועוג מסביב.

2. בחל אביב הבתים לבנים כמו הלב,
וברחובות יש אוטובוס ואפשר גם לשבת עליו.
ובכל פנה עומד שוטר, יהודי בן ברית
והוא עומד, והוא מראה, והוא מדבר עברית.
שבחו ....

3. ביום שבת הכל סגור ואין חנות פתוחה,
ברחובות שמחה וששון ושבת מנוחה;
מזמרים ורוקדים וקוראים עתון,
ובערב, בערב הולכים לתיאטרון.
שבחו ....

לחיים חברים

לחיים חברים, לחיים קינדער,
לחיים אלע אידן!
זייט אלע געזונט
געזונט און פריילאך,
גליקלאך און צופרידן.
טרא, לאַ, לאַ.....

ארום די טישן

לאָמיר אַלע זינגען ארום, ארום די טישן
לאָמיר אַלע הוליען ביזן טאָג אריין. (2)
איי, איי, ביזן טאָג אריין, ביזן טאָג אריין
לאַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ.......
ביזן טאָג אריין,
לאָמיר אַלע........

צי ווייסט איר דאָס לאַנד

צי ווייסט איר דאָס לאַנד, וואו אתרוגים׳לאך בליען;
וואו ציגן עסן באָקסן אַנשטאַט גראָז, אַנשטאַט גראָז;
געבראָטענע גענדזעלאך, קאַטשקעלאך פליען,
צימוקים ווין טוט פליסן אָן א מאָס, אָן אַ מאָס.

מיט לולבים, מיט לולבים טוט מען דעכער דעקן,
און מאַנדלען און מאַנדלען וואַקסן אויף יעדער שטעקן.

אוי־אוי־אוי, אהין, אהין, אהין!
2 אוי, רבינוי, געוואַלד׳ זשע, גוואַלד!
וואָלט איך מיר אַוועק, אַוועק, אַוועק!
אוי טאַקע באַלד!

צי ווייסט איר דאָס לאַנד, וואו משיח צדקנו
וועט קומען אויף א ווייסן־ווייסן פערד, ווייסן פערד,
און וועט בלאָזן אַ תקיעה גדולה,
און אויפוועקן די מתים פון דער ערד! פון דער ערד!

און וועט פירן, און וועט פירן אונזער פאָלק ישראל,
אין אונזער לאַנד, אין אונזער לאַנד צום פעטער ישמעאל?
אוי, אוי, אוי, אהין, אהין, אהין!

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

שא שטיל

שאַ! שטיל! מאַכט ניט קיין גערודער,
דער רבי גייט שוין זינגען ווידער,
שאַ! שטיל! מאַכט ניט קיין געוואלד,
דער רבי גייט שוין זינגען באלד;
און אז דער רבי זינגט, איז דאָך אזוי זיס,
לאָמיר אלע חסידים׳לאַך טופּען מיט די פיס.

שאַ! שטיל! מאַכט ניט קיין גערודער,
דער רבי גייט שוין טאַנצן ווידער
שאַ! שטיל! מאַכט ניט קיין געוואלד,
דער רבי גייט שוין טאַנצן באלד;
און אז דער רבי טאַנצט, ציטערן די ווענט,
לאָמיר אלע חסידים׳לאַך פּאטשן מיט די הענט.

דער פילאָזאָף.

א.

קום אהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעצישן מח׳ל,
קום אהער צום רבי׳נס טיש
און לערן זיך דאָ שכל.

בים באַם, א.א.וו.

ב.

א דאמף־שיף האָסטו אויסגעטראכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער;
דער רבי שפרייט זיין טיכל אויס
און גייט דעם ים אריבער.

בים באַם, א.א.וו.

ג.

אַן אייזן־באַן האָסטו אויסגעקלערט,
און מיינסט דו ביסט א חרוץ;
דער רבי שפעט, דער רבי לאכט,
ער דארף דאָס אויף כפּרות.

בים באַם, א.א.וו.

ד.

צי ווייסט דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות? –
אין איין מינוט ער איין הימל פליט,
און פראַוועט דאָרט שלש־סעודות.

בים באַם, א.א.וו.

ס'איז ניטאָ קיין נעכטן.

.1

ס'איז ניטאָ קיין נעכטן,
ס'נאָך ניטאָ דער מאָרגן;
ס'איז נאָר דאָ א פּיצעלע היינט,
שטערט איהם ניט מיט זאָרגן.

בּיס

.2

כאַפּט אריין א שנעפּסל,
כל זמן איר זענט בײַם לעבן;
איה"ש אויף יענער וועלט
וועט מען אייך ניט געבן.

וואו ביסטו געווען?

1. וואו ביסטו געווען
אז געלט איז געווען
און דער נדן איז געלעגן אויפן טיש?
היינט ביסטו דא,
אז קיין געלט איז נישטא,
און דאס לעבן איז געווארן אזוי מיאוס. טרא, לא לא.

2. וואו ביסטו געווען,
אז יוגנט איז געווען,
און דאס לעבן איז געווען צוקער־זיס?
היינט ביסטו דא,
אז די האר זיינען גרא,
און דאס לעבן איז געווארן אזוי מיאוס. טרא - לא - לא.

3. וואו ביסטו געווען אז יוגנט איז געווען
דאס הארץ האט מיט ליבע געברענט?
היינט ביסטו דא,
אז דער קאפ איז שוין גרא,
און עס ציטערן ביי מיר שוין די הענט.
טרא - לא - לא.

אלע ברידער

און מיר זײנען אלע ברידער, אוי אוי אלע ברידער
און מיר זינגען פרײלעכע לידער, אוי אוי אוי
און מיר האלטן זיך אין אײנעם, אוי אוי זיך אין אײנעם
אזעלכעס איז נישטא בײ קײנעם, אוי אוי אוי


1.
און מיר זײנען אלע ברידער
אוי, אוי, אלע ברידער!
און מיר זינגען פרײלאכע לידער,
אוי, אוי, אוי!

2.
און מיר האלטן זיך אין אײנעם,
אוי, אוי זיך אין אײנעם!
אזעלכעס איז נישטא בײ קײנעם,
אוי, אוי, אוי!

3.
און מיר זײנען אלע אײניק,
אוי, אוי, אלע אײניק!
צי מיר זײנען פיל צי װײניק,
אוי, אוי, אוי!

4.
און מיר ליבן זיך דאך אלע,
אוי, אוי זיך דאך אלע!
װי א חתן מיט א כלה,
אוי, אוי, אוי!

5.
און מיר זײנען פרײלאך, מונטער,
אוי, אוי פרײלאך, מונטער!
זינגען לידער, טאנצן אונטער,
אוי, אוי, אוי!



אונטער א קליין ביימעלע

1. אונטער א קליין בימעלע
זיצן אינגלאך צוויי;
זיי רײדן פון א מײדעלע,
קײן זאך קימערט זיי.

2. דערציילט איינער די ניסימלאך,
וואָס ער האָט געהאט;
באפט דער אנדערער ארזים,
דערציילט עס אקוראט.
אונטער א קליין ביימעלע...

3. ער פלעגט, זאָגט ער, גאנצע טעג
אומגיין ניט געגעסן,
דאָרטן, וואו זי האָט געוואוינט,
שעהן אָפּגעזעסן.
אונטער א קליין ביימעלע...

4. שטורעם־ווינטן, רעגן, שניי –
קײן זאך אָפּגעשראָקן,
און די מאמע אין דער היים,
געוואַרט האָט מיט א פלאָקן
אונטער א קליין ביימעלע...

5. און דער טאטע צו דער צו
מיט דעם פאס דעם גרויסן
אָנגעקלאפט די ביינדעלאך,
ארויסגעיאָגט אין דרויסן.
אונטער א קליין ביימעלע...

א מײדל אין די יאָרן

כ'בין דאָך שוין א מײדל אין די יאָרן,
וואָס האָסטו מיר פארדרײט מײן קאָפּ.
איך וואָלט דאָך שוין לאנג א כלה געוואָרן
און אפשר טאקע חתונה געהאט.

טאָמער גײט עס דיר אין נדן,
די מאמע וועט פארקויפן די שטיב;
לאָמיר בײדע חתונה האָבן
ווײל איך האָב דיך אזוי ליב.

טאָמער גײט עס דיר אין יחוס,
מײן זײדע איז געוועזן א רב.
מײן טאטע איז געווען דער שענסטער איד אין שטעטל
און זאָל שוין נעמען א סוף.

דער בעל־עגלה

פֿאָר איך מיר ארוים אין אן ענגער בויד
מיט פערדעלאך פיר אין דער ברײט;
א חושך, א ווײנגע, מען זעט נישט די וועלט,
די וועגן פארשאָטן, פארווײט.

וויאָ, וויאָ, פערדעלאך, וויאָ, וויאָ אָדלערלאך,
הויפּט נאָר די קעפּעלאך הויך!
פירט די פארשוינדעלאך, טרײסלט די בײנדאלאך, וויאָ,אז גײן זאָל א רויך!

אײן פארשוין בעט מיר: רבי יודל, פאָרט גיך,
איך דארף דאָך צום גוטן אידן;
א צווײטער בעט מיך: פּאמעלינקע פאָרט, אוי מײנע מערידן....

וויאָ, וויאָ, פערדעלאך, וויאָ, וויאָ, אָדלערלאך,
הערט נישט וואָס עס רעדן די לײט!
וואָס מיר גוטע אידעלאך, וואָס מיר מערידעלאך, וויאָ, א קרעטשמע איז נישט ווײט.

געקומען אין א קרעטשמע שפּעט אין דער נאכט
און טרעף דאָרט א דײטשל בײם וואָג;
א ײד, א בעל־חשבון, אן אײזערנער קאָפּ,
און ער מאכט א לחײם ביז טאָג.

אוי, אוי קרעטשמערל, אוי אוי, דײטשעלע,
לעבן זאָלט איר לאנגע יאָר!
גיט מיר א כוס'ע, אָבער א גרויסע,־ וויאָ, גיט נאָך א פּאָרן!

געגומען א כוס'ע, א צווײטע, און יאָ ־
ער שמײכלט און פרײט זיך מײן דײטש;
פארטרונקען די פערדעלאך, פארטרונקען די בויד.

געקומען אהײם מיט דער בײטש, יאָ, יאָ ווײבעלע, יאָ ,יאָ, טײבעלע,
א גראָשן אויף שבת ניטאָ!
נאָר שא, שא,זאָרג נאָר נישט, שא,שא קלאָג נאָר נישט.
וויאָ! א גאָט איז נאָך דאָ!

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]


[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

באלעבוסטע זיסינקע.



באלעבוסטע זיסינקע, זיסינקע, זיסע באלעבוסטע,
באלעבוסטע זיסינקע, זיסינקע באלעבוסטע!
באלעבוסטע זיסינקע,
באלעבוסטע זיסינקע,
באלעבוסטע זיסינקע,
זיסינקע באלעבוסטע!
באלעבוסטינקע זיסינקע, זיסע באלעבוסטע.
באלעבוסטינקע , זיסינקע אוגערקעלאך.

באלעבוסטע פרישינקע א.א.וו.
פרישינקע בולקעלאך.

באלעבוסטע צאפעלדיקע א.א.וו.
צאפעלדיקע פישעלאך.

באלעבוסטע פעטינקע א.א.וו.
פעטינקע יאיכעלאך.

באלעבוסטע הייסינקע א.א.וו.
הייסינקע קארטאָפעלאך....

[illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]

[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]

א בחור א הולטײ

כ'בין א בחור א הולטײ,
מיט א גרױסן שטעקן.
טײ-ראַ רײ רײ רײ רײ רײ, } 2
שפּאַן אין אלע עקן.

קום איך צו א קרעטשמע צו,
קלאַפּ איך אָן אין טיר.
– װער ביסטו און װער ביסטו? } 2
– ענטפער איך א גײער.

– לײדיק-גײער, אזױ פרײ,
חוצפּהניק פאַרשײטער!
– טײ-רײ-רײ-רײ... } 2
און איך גײ זיך װײטער.

קום איך צו א ברונעם צו,
טרינק זיך אָן מיט װאַסער.
און איך שטײ אין מאָרגן שײן } 2
װי א האָן א נאַסער.

פאָרט א פױערל פארבײ:
„צאָ סליבאַטש נאָ סװיעטשע?"
װײס איך ניט און איך זאָג: } 2
סװעטשע, פּעטשע, מעטשע!

פאָרט א פּאַרמעדל פאַרבײ:
„עני ניזם אין סיטי"?
װײס איך נים און זאָג: } 2
סיטי, פּיטי, מיטי!

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]


[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

די בײקע



1. דער טאטע איז געפאָרן אין באלטע (ב״ם)
האָט ער מיר געקױפט א בײקע,
האָט ער מיר געקױפט א בײקע.

2. װיפיל האָט ער באצאָלט פאר דער בײקע? (ב״ם)
צװײ מיט א האלבן טאָלער, מאמע, דײקע,
האָט ער באצאָלט פאר דער בײקע.

3. װער װעט דיר נײען די בײקע? (ב״ם)
שרה די מאָדיסטקע, מאמע, דײקע,
זי װעט מיר נײען די בײקע.

4. װען װעסטו אָנטאָן די בײקע? (ב״ם)
שבת נאָכן קוגל, מאמע, דײקע
װעל איך אָנטאָן די בײקע.

5. װאו װעסטו גײן מיט דער בײקע? (ב״ם)
אין דעם גרינעם װעלדל, מאמע, דײקע,
װעל איך גײן מיט דער בײקע.

6. מיט װעמען װעסטו גײן אין דער בײקע? (ב״ם)
מיט א שײנעם בחור, מאמע, דײקע,
װעל איך גײן אין דער בײקע.

7. װאָס װעט זײן דער סוף פון דער בײקע? (ב״ם)
ער װעט מיט טאקע נעמען, מאמע, דײקע,
דאָס װעט זײן דער סוף פון דער בײקע.

[illegible]

[illegible]

1. [illegible]

2. [illegible]

3. [illegible]

   a. [illegible]

   b. [illegible]

      (1) [illegible]

         (a) [illegible]

אײן מאָל טו איך זיך באנײען

.1
אײן מאל,אײן מאל,אײן מאָל,אײן מאָל.
אײן מאל טו איך זיך באנײען;
א גאנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך,
אויף שבת דארף מען לײען.) בים

.2
לײען, לײען? לײען, לײען
זאָל מען נישט באדארפן;
שבת אָן חרײן קאָן מען זיך באגײן,
אָבער נישט אָן בראָנפן.) בים

.3
בראָנפן, בראָנפן? בראָנפן, בראָנפן, בראָנפן
דאָס איז דאָך מײן נחמה;
אז איך מאך א כוס נאָך א כוס,
דערקװיק איך מײן נשמה.) בים

.4
מײן נשמה, מײן נשמה? מיט מײן נחמה,
זענען דאָך אינגאנצן;
אז איך נעם א כוס נאָך א כוס,
גײען די פיסלאך טאנצן.) בים

.5
טאנצן, טאנצן? טאנצן, טאנצן, טאנצן
איז גאָר א הויכע מידה;
און אז איך נעם נאָך א מאָל א כוס,
טאנץ איך מיט חסידה.) בים

.6
מיט א חסידה, מיט א חסידה? מיט א חסידה
איז דאָך א גרויסע עבֿרה;
אָבער, אז איך נעם א כוס נאָך א כוס
האָב איך נישט קײן ברירה.) בים

.7
צו טאנצן, צו זינגען, צו שפּרינגען,
דערצו טו איך טויגן;
אז איך מאך א שנאפּס נאָך א שנאפּס,
באקום איך קלאָרע אויגן.) בים

.8
אויגן, אויגן, אויגן –
אויגן האָב איך קלאָרע;
אז איך מאך א שנאפּס נאָך א שנאפּס,
איז: שהכל נהיה בדברו.) בים

דער רבי׳לע - דער גבאי׳לע

דער רבי׳לע, דער גבאי׳לע

דער חזנ׳דל, דער שמש׳ל -

גאנץ כלי קודש גייט דאך טאנצן.

שרייבט זשע אלע הויך מיטן גאנצן כוח:

דער רבי׳לע אליין גייט דאך טאנצן!

דער רבי׳לע, דער גבאי׳לע

דער חזנ׳דל, דער שמש׳ל,

גאנץ כלי קודש גייט דאך טאנצן.

הצליחה נא

הַצְלִיחָה נָא א מזלדיקע שעה
אָנו, אָנו באַהיט נאָר די מזלדיקע שעה,
כל זמן איך לעב און ס'וואַרפט אַן אָדער אין מיר
ווי לאַנג נאָך וועל איך וואַרטן און בעטן זיך בא דיר?


איך האָרעווע און היט אָפּ די צען געבאָט,
מען וואַרפט מיר צו אביינדל און מ'הייסט מיר דאַנקען גאָט,
אוי, גאַטעניו, א נו, עס איז דאָך עפּעס גאַרניט גלאַט,
אליין פון הונגער ליידן, יענעם מאַכן זאַט.

מע זאָגט מיר צו אויף יענער וועלט פיל רו,
דערווייל איז יאָג און פּלאָג און ווער איז געמאַמטערט דאָ,
איך קען דיין וועלטל כ'לעבן גאַרניט פאַרשטיין,
מיר יענעם פריידער מאַכן, אליין נאַקעט גיין.

איך בין דיר מוחל די יענע וועלט,
ווער דאַרף דאָרט כבוד, ווער דאַרף דאָרט געלט,
אוי יענע וועלט פאַר דיר, פאַר מיר א ביסל מזל שיק,
איך בין דיר מוחל הימלען פאַר איין ביסל גליק.

6־טע אפטײלונג:

"ליבעס לידער"



1. הײ, הײ יפהפיה
2. הוי רע לי
3. יפים הלילות
4. ראיתיה
5. רחל עמדה

---

6. דן און דאַניע
7. גײ איך מיר שפאצירן
8. די װערבע
9. הער נאָר דו שײן מײדעלע
10. רײזעלע דעם שוחט׳ס
11. דו זאָלסט ניט גײן מיט קײן אנדערע מײדעלאך
12. מארגאריטקאלאך
13. דו, דו
14. אין דער פינצטער
15. חנה׳לע לערנט לשון קודש.
16. לאָמיר זיך איבער־בעטן

היי, היי יפהפיה

היי, היי יפהפיה,
בת הרים גליליה

היי, היי יפהפיה,
בת הרים גליליה

תני ידך תוך ידי
אני שלך ואת שלי.

הוי רע לי

א

אני שחרחרת עינים ורכה בשנים
ולפתע בין ערבים הופיעו צוענים
הוי רע לי, רע לי, כזאת עוד לא קרה לי
חלום נעים חלמתי וגז לעולמים.

ב

בת שש עשרה הייתי ולא ידעתי כלום
ולפתע התאהבתי בצועני ערום.
הוי רע לי, רע לי, כזאת עוד לא קרה לי,
חלום נעים היה לי וגז לעולמים.

ג

התאהבתי אמש בצועני אחד
עינים לו כשמש ואת לבי לכד,
הוי רע לי, רע לי, רע לי........

ד

יורד יורד הגשם, יורד בלי הפסקות
עם צועני בלילה טיילתי בשלות
הוי רע לי, רע לי, רע לי,........

יפים הלילות

שיר א"י

יָפִים הַלֵּילוֹת בִּכְנַעַן
צוֹנְנִים הֵם וּבְהִירִים.
הַדְּמָמָה פָּלְטָה שִׁיר
וַיַּעַן לִבִּי בְּשִׁיר
יְלַלַת תַּנִּים נוּגָה - חֶצְיָה דְמֵי הַלַּיִל

מְדֵי יוֹם בְּיוֹמוֹ
אַחֲרוֹשׁ בְּמַחֲרַשְׁתִּי
וְאִם רָחֵל בָּגְדָה בִּי
עוֹד לֹא הִתְיָאַשְׁתִּי
יְלַלַת תַּנִּים נוּגָה - חֶצְיָה דְמֵי הַלַּיִל.


ראיתיה



ראיתיה בעת שהלכה אל המעין לשאב מים
חבקתיה בעת שהלכה ....
נשקתיה בעת שהלכה ....
עזבתיה בעת שהלכה ....

תמני

רחל עמדה



.1
רחל עמדה על העין,
היא זכדה, ואיש אין.
היא זכדה, היא לבדה!
היא זכדה, היא לבדה.

.2
שלחה אל הכד את ידה,
שלחה את ידה - ורעדה.
נפל כדה וישבר -
עלם עובר, עלם עובר.

.3
עבר עלם זר וצחק -
מן המדבר בא ממרחק.
גם היא בצחוק ראשה מטה:
מי זה אתה? מי זה אתה?

.4
אמר לה העלם מי הוא,
מי אמו ומי אביהו.
ענתה לו רחל הטובה:
אתה קרובי, קרובי אתה!

.5
חבק לה הלז ונשקה,
היא בכד עינה תקעה:
הבט, שבור כדי לבן!
הזי, מה יגיד אבי לבן?!

ה. ראָזענבלאַט — **דן און דאַניע.** — מוזיק פון מיכל געלבאַרט

1.

דאַן האָט צווײ פּאה׳לאך שוואַרצע
און דאַניע צווײ גאָלדענע צעפּ;
דאַן איז דער עילוי פון שטעטל,
און דאַניע די מלכּה פון סטעפּ.

2.

דאַן גײט באַגינען אין קלײזל,
זײן אויג האלב פאַרכמורעט פון שלאָף;
דאַניע מיט זון אויף די ברעמען
צום סטעפּ טרײבט ארוים אירע שאָף.

3.

דאַן געגנט אָן די פאַסטושקע
און לאָזט שטום די אויגן אַראָפּ;
דאַניע פאַרשעמט טוט א שמײכל
און לאָזט שטיל אַרונטער דעם קאָפּ

4.

דאַניע זי היט זיך איר סטאַדע
געקרײזלטע לעמער און טראַכט:
עפּעס פון פּאה׳לאך שײנע,
געקרײזלט און שוואַרץ ווי די נאַכט.

5.

דאַן זיצט בײם לערנען און ס׳ציט זיך
דער טאָג עפּעס לאַנג אָן א סוף;
אים דוכט זיך דאָס בלאַט איז א לאַנקע
די אותיות א טשערעדע שאָף.

6.

דאַן גײט טאָג טעגלאַך אין קלײזל
און דאַניע טאָג טעגלאַך אין סטעפּ.
דאַן האָט צווײ פּאה׳לאך שוואַרצע
און דאַניע צווײ גאָלדענע צעפּ.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]


גיי איך מיר שפּאַצירן


1. גיי איך מיר שפּאַצירן –
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ!
גיי איך מיר שפּאַצירן –
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ
באַגעגנט מיר אַ הער – אהאַ!
באַגעגנט מיר אַ הער – אהאַ!


2. ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען –
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ!
ער זאָגט ער וועט מיך נעמען –
טראַ, לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער- אהאַ!
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער- אהאַ

3.

דער זומער איז געקומען –
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ!
דער זומער איז געקומען –
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ!
ער האָט מיך ניט גענומען – אהאַ!
ער האָט מיך ניט גענומען – אהאַ!









ניט בײַטאָג און ניט בײַנאַכט,
גײ איך אַרום פאַרטראַכט;
ניט אױף באַרג און ניט אױף טאָל,
שטײט אַ װערבע פון אַמאָל.

אַ גבירהטע אַ גרױסע,
איז די װערבע אַלצדינג װײסט זי,
בײַ דער װערבע װעל איך װעגן
מײַן באַװערטן טאַקע פרעגן.

און זי װעט מיר אַלץ דערצײלן,
צי מײַן געליבטער קומט פון פױלן,
צי פון ליטע, צי פון זאַמוט,
אַ באַנקיר צי אַ מלמד.

צי אַ בלאָנדער, אַ ברונעטער,
אַ בחור, צי אַ געגטער.
און אַפילו גאָר אַן אַלטן אידן —
בין איך טאַקע ניט צופרידן.

איך װעל זאָגן: טאַטע טײַט מיך,
נאָר ניט צום שידוך נײט מיך.
אױ, כ׳װעל דאָס ניט אױסהאַלטן,
כ׳װיל טאַקע ניט קײן אַלטן.

הער נאָר דו שײן מײדעלע

הער נאָר דו שײן מײדעלע,
הער נאָר דו פײן מײדעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אזא ווײטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אזא ווײטן וועג?

– איך וועל גײן אין אלע גאַסן,
איך וועל שרײען וועש צו וואַשן,
אבי מיט דיר צוזאמען זײן.
אבי מיט דיר צוזאמען זײן.

– הער נאָר דו שײן מײדעלע,
הער נאָר דו פײן מײדעלע.
וואָס וועסטו עסן אין אזא ווײטן וועג?
וואָס וועסטו עסן אין אזא ווײטן וועג?

– איך וועל עסן טרוקן ברויט,
איך וועל לײדן הונגער נויט,
אבי מיט דיר צוזאמען זײן,
אבי מיט דיר צוזאמען זײן.

ז. סעגאלאוויטש.

רײזעלע דעם שוחטס

.1

שײן איז רײזעלע דעם שוחטס,
זי האָט א יונגע הארץ אָן זאָרגן;
זי טאנצט און פרײט זיך מיטן לעבן,
ווי א שוואלב מיט דעם פרימאָרגן. } 2

.2

שײן איז רײזעלע דעם שוחטס,
עס באוואונדערן זי אלע;
א יעדע מאמע טוט זיך ווינטשן,
זי זאָל זײן איר זונס א כלה. } 2

.3


עס באשײנען איר די לאָקן,
עס באחנען איר די אויגן;
און א שטאָלצע איז זי שטענדיק
זי וויל פאר קײנעם זיך ניט בויגן } 2

.4


און דער שוחט איז א פרומער,
און דערצו א גרויסער כעסן;
ווען די טאָכטער קעמט די לאָקן –
פאנגט ער אָן די ליפן בײסן. } 2


.5


עס פארדריסט אים אירע לידער,
וואָג זי זינגט זיך בײ דעם קאמען;
עס פארדריסט אים איר געלעכטער –
ער לזיפט זיך קריגן מיט דער מאמען. } 2





דו זאָלסט ניט גײן מיט קײן אנדערע מײדעלאך.














דו זאָלסט ניט גײן מיט קײן אנדערע מײדעלאך,
דו זאָלסט נאָר גײן מיט מיר,
דו זאָלסט ניט גײן צו דײן מאַמען אין שטיבעלע,
נאָר קומען זאָלסטו צו מיר.

װאו איז דאָס געסעלע, װאו איז דאָס שטיבעלע?
װאו איז דאָס אינגעלע, װאָס איך האָב ליב?
ניטאָ דאָס געסעלע, ניטאָ שױן דאָס שטיבעלע;
ניטאָ דאָס אינגעלע, װאָס איך האָב ליב.

א ליבע פאנגט זיך אָן
פון א שמײכל
פון א שמײכל ביז צו
א קיש.
עס נעמט אװעק בײם
קליגסטן דעם שכל
דאָס קליגסטע מײדעלע
מאכט עס צו ניש.

מאַרגאַריטקאַלאַך

1.
אין וועלדל ביים טײַכל, דאָרט זענען געוואַקסן
מאַרגאַריטקאַלאַך, עלענט און קליין –
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ־לאַ־לאַ.

2.
געגאַנגען איז חוה׳לע שטיל און פאַרחלומט
צולאָזן די גאָלד־בלאָנדע צעפּ, –
דאָס העלזל אַנטבלויזט און געמורמלט־
געזונגען
אַ לידעלע: טראַ־לאַ־לאַ.

3.
דאָ קומט איר אַנטקעגן אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקן מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגן און ענטפערט איר
לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ־לאַ־לאַ.

4.
וואָס זוכסטו דאָ, מיידל? וואָס האָסטו פאַרלוירן?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?
"איך זוך מאַרגאַריטקעס" – פאַרויטלט זיך
חוה,
פאַרויטלט זיך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ

5.
דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאָקע
געפונען
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן
מיט אויגאַלאַך טראַ־לאַ־לאַ/סאַפּירן,

6.
ניין, איך האָב שוין מאַרגאַריטקעס, איך
האָב זיך פאַרגעסן –
איך זוך... דאָ נישט ווייט איז אַ קוואַל..
דער קוואַל איז געשלאָסן, און מיר בלייבסטן
דורשטיק
ביים קוועלכעלע, טראַ־לאַ־לאַ.

7.
איך וויל גאָרנישט טרינקען, איך זוך מיר
אַ שאָטן
די זון באַקט אַריין אַזוי היים...
מיינע האָר זיינען שוואַרצער און קילער ווי
שאָטנס
אין וועלדעלע, טראַ־לאַ־לאַ.

8.
אַ, לאָז מיך, מען טאָר נישט; די מאַמע זאָגט
מ׳טאָר נישט
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
וואו מאַמע? וואָס מאַמע? דאָ זענען נאָר
בוימער,
נאָר בוימאַלאַך, טראַ־לאַ־לאַ.

9.
"מען זעט" – קיינער זעט נישט, "מען הערט"
קיינער הערט נישט,
דאָס וועלדל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע, דו זעסט, איך בין
רואיק,
איך קוש דיך נאָר־טראַ־לאַ־לאַ.

10.
"דו ליבסט מיך" – "איך ליב דיך", "דו
שעמסט דיך", "איך שעם מיך"!
אַ, ליב מיך און שעם דיך און שווייג.
און זע ווי עס מישן זיך פּעך שוואַרצע
קרויזן,
מיט גאָלדענע, טראַ־לאַ־לאַ.

11.
די זון איז פאַרגאַנגען, דער בחור – פאַרשוואונדן,
און חוה׳לע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דערווייטנס און מורמלט פאַרחלומט
דאָס לידעלע: טראַ־לאַ־לאַ.

דו, דו

פון עליזה גרינבלאט

כ׳גיי ארום ביים ברעג פון ים
און זוך דיך אלץ ארום
א שטילע כוואליע מורמלט קוים
דער צויבער פון דיין שטום
דו דו
פון אלע צארטע בלומען דו דו דו דו
פון אלע מיינע טרוימען דו דו דו

שפרייטן זיך די הימלען אוים
העט גאנץ ווייט אוועק
קומט א ווינטעלע צוגיין
און קלאפט אפ ביים ברעג
דו דו
פון אלע צארטע בלומען דו דו דו דו
פון אלע מיינע טרוימען דו דו דו

סוד׳ן זיך די ווינטלאך שטיל
מיט געטלאכן געזאנג
און אין הארצן טיף ביי מיר
פלאטערט א פארלאנג
דו דו
פון אלע צארטע בלומען דו דו דו דו
פון אלע מיינע טרוימען דו דו דו

נעמט מיין בינקשאפט ווינטלאך אויף
און טראגט אוועק א גרוס
זאגט אים אז איך בינק אזוי
כ׳גיי פון בינקשאפט אוים
דו דו
פון אלע צארטע בלומען דו דו דו דו
פון אלע מיינע טרוימען דו דו דו

זישע לאנדאו

אין דער פינצטער.

אין דער פינצטער - זײנען דײנע אויגן שענער,
אין דער פינצטער - זײנען דײנע הענטלאך קלענער,
אין דער פינצטער - ווײט פון דיר מיט שטילער רו,
אין דער פינצטער, ווײכער, צארטער, בײגזאמער ביסטו.

אין דער פינצטער - איז דײן פנים בלײכער, בלײכער.
אין דער פינצטער - זײנען דײנע פינגער ווײכער.
אין דער פינצטער - ווען דו מאכסט די לאָדן צו.
אין דער פינצטער, ווײכער, צארטער, בײגזאמער ביסטו.

אין דער פינצטער - איז דײן פנים מילדער, מילדער.
אין דער פינצטער - קלאפט דײן הארץ אלץ ווילדער.
אין דער פינצטער - רופסטו מיך, איך ווײס ניט וואו.
אין דער פינצטער, ווײכער, צארטער, בײגזאמער ביסטו.

חנהלע לערנט לשון קודש

בין איך מיר א לערערל
און לערן לשון קודש
קומט צו מיר א חנהלע
לערנען אויפן חודש,
א יעטווידער פרימאָרגן,
זי קומט צו מיר צו לויפן,
לערן איך מיט חנהלען –
אויף א נײַעם אופן.

ראַש, פּאַרטײַטש איך חנהלען,
גלעטנדיק איר קעפּל,
פרעגט זי וואָס חפּוח מײַנט –
ווײַז איך איר אַן עפּל.
און אַז עס קומט צו דעם
שיר השירים זאָגן,
הײבן אונזערע הערצעלאך
שטאַרקער אָן צו שלאָגן.

איך לערן אַלעם חנהלען
ווײַל קײן זאַך ניט הײפּן;
קומט צו ישקני –
קוש איך אײַע ליפּן.
קומט צו חבקני,
מאַך איך ניט קײן שהיות,
כ'נעם אַרום מײַן חנהלען,
אַזוי איז דאָס א חיות.

קומט זי אין פרימאָרגן,
זאָגט זי צו מיר שלום!
און אַז זי גײט אַוועק –
בלײַב איך ווי אין חלום.
עס גײט אַוועק א וואָך –
עס גײט אַוועק א חודש,
און די שײנע חנהלע –
קען שוין לשון קודש.

לאמיר זיך איבערבעטן.

א.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן
שטעל דעם סאמאוואר; (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
זײ זשע ניסט קײן נאר. (בּים)

ב.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קױף א פּאר מאראנצן; (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
לאמיר גײן טאנצן. (בּים)

ג.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואס שטײסטו בײ דער טיר? (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
גיב א קוק אויף מיר. (בּים)

ד.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שעם זיך, עטיל-דבורה! (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
די צײט איז אן עברה. (בּים)

ה.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קױף א פונט פיסטאשקעס, (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
שײנק מיר דײנע לאסקעס. (בּים)

ו.

לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
גענוג שוין זײן ווי גוים; (בּים)
לאמיר זיך איבערבעטן,
לאמיר שרײבן תנאים. (בּים)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ד־טע אפטײלונג:

„שבת לידער"



1. שלום עליכם
2. ישמח משה
3. שבת המלכה
4. יום זה מכובד
5. צור משלו אכלנו
6. אתה אחד
7. בעולם הבא
8. אליהו הנביא
9. יה רבון עולם
10. ישמחו במלכותך

1. שבת, שבת
2. מזמור שיר
3. א ברודער זאג
4. שבת בין השמשות
5. המבדיל
6. לחיים, רבי
7. שבת קודש
8. לכבוד דעם הײליקן שבת

שלום עליכם מלאכי השלום
מלאכי עליון,
ממלך מלכי המלכים הקדוש
ברוך הוא:
בואכם לשלום מלאכי השלום
מלאכי עליון,
ממלך מלכי המלכים הקדוש
ברוך הוא:

ברכוני לשלום מלאכי השלום
מלאכי עליון,
ממלך מלכי המלכים הקדוש
ברוך הוא:
צאתכם לשלום מלאכי השלום
מלאכי עליון,
ממלך מלכי המלכים הקדוש
ברוך הוא:

אַ ברודער זאַג







1. אַ, ברודער זאַג,
וויָ הייסט דער טאָג,
ווען מיר אלע זענען פריילאך?
דער יודעלע דער קליינער, (בים
דער כשר'ער דער שיינער (
איז דאָך דאן א מלך?

2. שבת אליין
קומט צוגיין,
זייט זשע פריילאך אלע! (
טאנץ, קינדער (בים
יעדער באזונדער
לכבוד דער הייליקער כלה!

3. דאָס איז קלאָר,
ווי א האָר
אז שבת איז די כלה;
דער חתנ'דל דער שיינער (
איז נישט קיינער (בים
נאָר מיר יודן אלע.

4. ווער עס טראכט
און חוזק מאכט
פון דער כלה־חתן, (
דער וועט טאקע (בים
עסן א מכה
פון דער סעודה לויתן!

פ. מינקאווסקי | **שבת המלכה** | ח.נ. ביאליק

.1

החמה מראש האילנות נסתלקה
באו ונצא לקראת שבת המלכה.
הנה היא יורדת הקדושה הברוכה
ועמה מלאכים צבא שלום ומנוחה
באי, באי, המלכה!
באי, באי הכלה!
שלום עליכם, מלאכי השלום!

.2

קבלנו פני שבת ברננה ותפלה,
הביתה נשובה בלב מלא גילה.
שם ערוך השלחן, הנרות יאירו!
כל פנות הבית יזרחו, יזהירו.
שבת שלום ומברך!
שבת שלום, ומברך!
באכם לשלום, מלאכי השלום!

.3

שבי, זכה, עמנו וביזיך נא אורי
לילה ויום - אחרי כן תעברי,
ואנחנו נכבדך בבגדי חמודות,
בזמירות ותפלות ובשלש סעודות
ובמנוחה שלמה
ובמנוחה נעמה -
ברכוני לשלום, מלאכי השלום!

.4

החמה מראש האלנות נסתלקה -
באו ונלוה את שבת המלכה.
צאתך לשלום, הקדושה הזכה -
דעי, ששת ימים אל שובך נחכה...
כן לשבת הבאה!
כן לשבת הבאה!
צאתכם לשלום, מלאכי השלום!

יום זה מכבד

המלים: ישראל הגר. | מנגינה מקובלה.

יום זה מכבד מכל הימים, כי בו שבת צור עולמים

א. ששת ימים תעשה מלאכתך, ויום השביעי לאלהיך,


שבת, שבת לא תעשה בו מלאכה, כי כל עשה ששת ימים. יום זה...

ב. השמים מספרים כבודו, וגם הארץ מלאה חסדו,

ראו כי כל אלה עשתה ידו, כי הוא הצור פעלו תמים. יום זה.

צור משלו אכלנו.

מנגינה מקובלה.



צור משלו אכלנו ברכו אמוני, אכלנו ושבענו כדבר ד".

א. הזן את עולמו, רועננו אבינו, אכלנו את לחמו ויינו שתינו.

על כן נודה לשמו ונהללו בפינו, אמרנו ועניני אין קדוש כד'. צור .....

ב. בשיר וקול תודה נברך לאלהינו, על ארץ חמדה טובה שהנחיל לאבותינו.

מזון וצידה השביע לנפשנו, חסדו גבר עלינו ואמת ד'. צור .....

ג. תבנה ארצנו עיר ציון תמלא, ושם נשיר שיר חדש וברננה נעלה.

הרחמן הנקדש יתברך ויתעלה, על כוס יין מלא כברכת ד'. צור ....

אַתָּה אֶחָד

אתה אחד ושמך אחד, ומי כעמך ישראל,

ומי כעמך, כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

תפארת גדולה ועטרת ישועה,

יום מנוחה וקדושה לעמך נתת (2).

בעולם הבא

בעולם הבא, שבת מנוחה

חבלי משיח, בן דוד בא!

לא לא לא לא, ל ל ל ל ....

אליהו הנביא

שיר עממי

1. אליהו הנביא
אליהו התשבי
אליהו, אליהו
אליהו הגלעדי

2. במהרה בימינו
יבא אלינו
עם משיח בן דוד.
עם משיח בן דוד.

יה רבון עולם

א. יה רבון עלם ועלמיא
אנת הוא מלכא מלך מלכיא,
עובד גבורתך ותמהיא
שפר קדמך להחויא.

ב. שבחין אסדר צפרא ורמשא
לך אלהא די ברא כל נפשא,
עירין קדישין ובני אנשא
חיות ברא ועופי שמיא.

ישמחו במלכותך

ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי ענג.
עם מקדשי שביעי כלם ישבעו ויתענגו מטובך.
והשביעי רצית בו וקדשתו
חמדת ימים אותו קראת, זכר למעשה בראשית.

שבת שבת

1. שבת, שבת, שבת,
ס'איז דאָך פאָרט שבת.
שבת, שבת, שבת,
זאָל זיין תמיד שבת.

2. שבת, שבת, שבת,
איז דאָך פאָרט שבת,
זאָל זיין שבת, תמיד שבת,
שבת אויף דער וועלט.

מזמור שיר ליום השבת

מזמור שיר ליום השבת
ווי עס גיסט זיך דורכן הארצן,
אזוי יום־טוב'דיק און פריילאך
אין א כאָר פון זיסע קלאַנגען זינגען
מזמור שיר ליום השבת.

<u>אַ ברודער זאָג</u>

1. אָ, ברודער זאָג,
וויִ הייסט דער טאָג,
ווען מיר אלע זענען פריילאך?
דער יודעלע דער קליינער, ⎫
דער כשר'ער דער שיינער ⎭ בים
איז דאָך דאן א מלך?

2. שבת אליין
קומט צוגיין,
זייט זשע פריילאך אלע!
טאנץ, קינדער ⎫
יעדער באזונדער ⎭ בים
לכבוד דער הייליקער כלה!

3. דאָס איז קלאָר,
ווי א האָר
אז שבת איז די כלה;
דער חתנ'דל דער שיינער ⎫
איז נישט קיינער ⎭ בים
נאָר מיר יודן אלע.

4. ווער עס טראכט
און חוזק מאכט
פון דער כלה־חתן,
דער וועט טאקע ⎫
עסן א מכה ⎭ בים
פון דער סעודה לויתן!

שבת בין השמשות

פון י. ענגעל.

1. ער גײט שױן אװעק זיך,
דער הײליקער שבת;
אין שטיבל װערט פינסטער,
אין שטיבל װערט שטיל.
עס שעפטשעט די מאמע:
אך, גאָט פון אברהם"-
זי שעפטשעט די תפילה
מיט הארץ און געפיל.

2. "אך, גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב!
פארנעם דאָך מײן תפילה
אין הימעלם געצעלט.
און שיק מיר פרנסה,
און ריכט אױף מײן מזל
און ליכטיק זאל װערן
מײן פינסטערע װעלט.


המבדיל


המבדיל בין קודש לחול
חטאתינו הוא ימחול.
זרענו וכספנו ירבה כחול
וככוכבים בלילה.
גוט וואך, גוט וואך, א גוטע וואך,
א גוטע וואך.


המבדיל בין קודש לחול . .
וואס טוט מען, עס גייט גאר ניט וואויל!
זרענו פאראנען, וכספנו - צ ניי,
דער שטיקל ברויט קומט אן מיט מי.
גוט וואך, גוט וואך, א גוטע וואך,
א גוטע וואך.


יום פנה, דער שבת אוועק,
אזוי ווי א שטן פון בוים.
פון אלע שפייזן ניט געבליבן קיין זוים,
און באלד ווי, אך קומט די גליקלאכע וואך.
גוט וואך, גוט וואך, א גוטע וואך,
א גוטע וואך.


לחיים, רבי.











לחיים, רבי, האט א גוטע וואך!

שרייט יעדערער באזונדער, אך! אך!

קיין משקה ניט געזשאלעוועט, לאמיר טרינקען נאך.

מיר האבן אויסגעבעטן א גוטע וואך.

שבת קודש

שבת קודש איז געקומען
מיט זיין לויטער שיינקייט;
זאָרג און דאגות ווייט פארשוואונדן
שטראלט דער איד אין ריינקייט.

ווין און חלה צוגעגרייט,
אויפ'ן טיש איז זויבער;
זון אין מערב שוין פארגייט
אין פארבענקטן צויבער.

ס'שליסן אייציקווייז זיך צו
אויף דער גאס די קראָמען;
און די מאַמע בענטשט שוין ליכט,
צו זיין ליבן נאָמען.

אויפ'ן אלטן סידור שטראלט
דאס געזיכט, דער באָבעס;
און אין שול דער מויטע איילט
צו קבלת־שבת . . .

זינגט דער חזן אויפ'ן קול:
"לכה דודי לקראת כלה..."
ענטפערט קהל אויף ווײמאָל:
"בואי, בואי כלה".

הייליק קומט דער שבת קודש
צו אונז שטיל אריבער:
צינדט זיך אָן דאָס אידישע הארץ
מיט א פרייד א ליבער.

לכבוד דעם הײליקן שבת

1. רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
ס׳איז ניטא קײן חלות אויף שבת.
ס׳עט זײן!

לכבוד שבת, בים,
לכבוד שבת, באם,
לכבוד דעם הײליקן שבת!
לכבוד שבת בים,
לכבוד שבת באם,
לכבוד דעם הײליקן שבת.

2. רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
ס׳איז ניטא קײן פיש אויף שבת.
ס׳עט זײן!


לכבוד שבת בים...

3. רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
רבינו, רבינו! (בים)
װאס איז?
ס׳איז ניטא קײן פלײש אויף שבת.
ס׳עט זײן.

לכבוד שבת בים...

8-טע אָפּטיילונג:

„יום-טובים לידער"



סוכות:
1. אורחים לחג הסוכות
2. ששון ושמחה
3. א סוכה
4. שמחת תורה
5. יום-טוֹב'דיקע טעג
6. שמחת תורה

חנוכה:
7. מי ימלל
8. מעוז צור
9. אָ איר קליינע ליכטלאך
10. חנוכה
11. אכט קליינע ברידער
12. א חנוכה ליד
13. דאָס דריידל
14. סביבון סב

חמשה-עשר בשבט:
15. ראש השנה לאילנות
16. כי תבואו
17. זמר לחמשה-עשר
18. טו בשבט
19. חג הנטיעות
20. חמשה-עשר בשבט
21. צי קענט איר קינדער

פורים:
22. שושנת יעקב
23. א פורים ליד
24. קום איך ארײַן
25. חג פורים
26. היום פורים לנו
27. אזיגעלאך בליץ
28. אני פורים
29. מסכות
30. האָפּ מיינע המן-טאשן

פסח:
31. מה נשתנה
32. שא שטיל, ניט געזאָרגט
33. שיר הגאולה
34. כי לו נאה, כי לו יאה
35. אחד מי יודע
36. קריעת ים-סוף
37. חג פסח
38. א סדר חלום
39. חד גדיא
40. שיקט דער האר
41. חד גדיא
42. דיינו

ל"ג בעומר:
43. קשתנו על שכמנו
44. בר יוחאי
45. ל"ג בעומר ליד

שבועות:
46. סלינו על כתפינו
47. שבועות חג נחמד
48. תורה לי, לי
49. מתן תורתנו
50. שבועות

אורחים לחג הסכות

א. יוֹם טוֹב לָנוּ, חַג שָׂמֵחַ,
יְלָדִים נָגִילָה־נָּא!
לְסֻכָּתֵנוּ בָּא אוֹרֵחַ:
אַבְרָם אָבִינוּ, בָּרוּךְ הַבָּא!
יַחַד אֶת הֶחָג נָחֹג
בְּלוּלָב, הֲדַס, אֶתְרוֹג,
הוֹ הָאָח, נִשְׂמַח מְאֹד
: וּבַמַּעְגָּל נִרְקֹדָה! (2)

ב. יִצְחָק אָבִינוּ, בָּרוּךְ הַבָּא!...
ג. יַעֲקֹב רוֹעֵנוּ, בָּרוּךְ הַבָּא!...
ד. מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, בָּרוּךְ הַבָּא!...
ה. שְׁלֹמֹה מַלְכֵּנוּ, בָּרוּךְ הַבָּא!...

שישו ושמחו

שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה, בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה
וּתְנוּ כָּבוֹד לַתּוֹרָה, לַתּוֹרָה
כִּי טוֹב סַחְרָהּ מִכָּל סְחוֹרָה
מִפָּז וּמִפְּנִינִים יְקָרָה
נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה.
כִּי הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה.

א סוכה

1. א סוכה א קלײנע
פון ברעטלאך געמײנע
האָב איך קוים מיט צרות געמאכט
געדעקט דעם דאך
מיט א ביסעלע סכך
און זיץ דאָ סוכות בײנאכט.

2. פון ווינט תּעם קאלטן
וואָס בלאָזט דורך די שפּאלטן
מײן ליכטעלע לעשן זיך וויל.
דאָ מאך איך מיר קידוש
און זעט נאָר א חידוש
מײן ליכטל ברענט רואיק און שטיל.

שמחת תורה

מ.מ. װארשאװסקי

קינדער מיר האבן שמחת־תורה,
שמחת תורה אויף דער גאנצער װעלט,
תורה איז די בעסטע סחורה,
אזוי האט דער רבי מיט אונז געקנעלט.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
פריילאך קינדער, אט אזוי;
רענדלעך שיטן זיך פון די זעק,
פריילאך אן אן עק.....

באטש איך בין אן ארים אידל,
און עס דארט מיר גזט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך א לידל,
און מאך א גזמע כוסה אויך.
אוי, אוי, אוי, א.א.װ.

דבורה גיב מיר די נײע קאפאטע,
איך װעל זי אנטאן טאקע אצינד;
איך װעל דיר זאגן, אז אלץ איז בלאטע
אבי מען איז ברוך השם געזונט.
אוי, אוי, אוי, א.א.װ.

יום־טוב׳דיקע טעג

1

אז די יום־טוב׳דיקע טעג הויבן זיך אן
װער איך ביי מיר גדול; /באװײזן,
איך לייג מיר אװעק די שער און אײזן
און װאו װאז איך האב ביי מיר נאר א נאדל.
אויפגעהערט נייען, ארבעט זוכן,
הארצעדיקער טאטע!
א ביסעלע װיין אום יום־טוב צו פארזוכן
איז בעסער װי לייגן א לאטע.

2

באטש אין דער מלחמה פארטשט איך מיר
װאס האט מען דא צו שמיסן. /װײניק,
װען איך זאל זיין א גרויסער קעניג,
װאלט איך פארבאטן צו שיסן.
איך װאלט ניט דערלאזט אזוינע רציחות,
איך װאלט געזאגט אן מורא;
אנשטאט זיך צו שלאגן ביידע מלוכות,
בעסער גיין צו א דין־תורה.

3

אז די יום־טוב׳דיקע טעג הויבן אן פארגיין
הארצעדיקער טאטע;
אט װידער שניידן, װידער נייען,
און װידער לייגן א לאטע.
װידער ציט זיך דאס אלטע לעבן,
עס נעמט ביים הארצן רייסן....
אוי װיי חנה, סערצע לעבן
צי האסטו ניט װאס צו פארבייסן?!

שמחת־תורה

פריילאך און פריש
זעצט זיך צום טיש
מאכט סעודת־מלך;
קוויקט זיך און טרינקט,
מאכט סעודת־מלך,
קוויקט זיך און טרינקט;

האט נישט קיין מורא,
קינדערלאך, זינגט
לעבעדיק, פריילאך
לכבוד התורה!
לעבעדיק פריילאך,
לכבוד התורה!

אידישע קינדערלאך,
האט נישט קיין מורא!
לעבעדיק, פריילאך,
לכבוד התורה!
לעבעדיק פריילאך
לכבוד התורה!

איך מיט דער תורה,
דו מיט דעם פאן.
זינגט קינדערלאך, יעדער
ווי הויך נאר ער קאן!
זינגט קינדערלאך, יעדער
ווי הויך נאר ער קאן!

מי ימלל

מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת יִשְׂרָאֵל?

אוֹתָן מִי יִמְנֶה?

הֵן בְּכָל דּוֹר יָקוּם הַגִּבּוֹר,

גּוֹאֵל הָעָם.

שְׁמַע!

בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה

מַכַּבִּי מוֹשִׁיעַ וּפוֹדֶה.

וּבְיָמֵינוּ כָּל עַם יִשְׂרָאֵל

יִתְאַחֵד, יָקוּם לְהִגָּאֵל!

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

מעוז צור

מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי
לְךָ נָאֶה לְשַׁבֵּחַ
תִּכּוֹן בֵּית תְּפִלָּתִי
וְשָׁם תּוֹדָה נְזַבֵּחַ
לְעֵת תָּכִין מַטְבֵּחַ
מִצָּר הַמְנַבֵּחַ
אָז אֶגְמוֹר בְּשִׁיר מִזְמוֹר
חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ


יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי
אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים
וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי
וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים
וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים
נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים
בְּנֵי בִינָה יְמֵי שְׁמֹנָה
קָבְעוּ שִׁיר וּרְנָנִים.

אָ, איר קליינע ליכטעלאך

מ. ראָזענפעלד

אָ, איר קליינע ליכטעלאך!
איר דערציילט געשיכטעלאך,
מעשה׳לאך אָן צאָל;
איר דערציילט פון בלוטיקייט,
בריה׳שאפט און מוטיקייט,
וואונדער פון אמאָל.

ווען איך זע אייך שמינקלענדיק,
קומט א חלום פינקלענדיק,
רעדט אן אלטער מרוים;
איד! דו האָסט געקריגט אמאָל,
איד! דו האָסט געזיגט אמאָל.
גאָט, דאָס גלויבט זיך קוים!


ס׳איז בײַ דיר א טייַלק געווען,
ביזט אמאָל א פאָלק געווען,
האָסט אמאָל רעגירט;
היָסט אמאָל א לאַנד געהאַט,
האָסט אמאָל א האַנט געהאַט
אך, ווי טיף דאָס רירט!

אָ, איר קליינע ליכטעלאך,
אייערע געשיכטעלאך
וועקן אויף מיין פּיין;
טיף אין הארץ באַוועגט עס זיך
און מיט טרערן פרעגט עס זיך:
וואָס וועט ווייטער זיין?

א. רייזין · # חנוכה · מוזיק פון סאלאמאן גאלוב

ברוך אתה,
זינגט דער טאטע
און ער צינט די ליכט;
און די שטראלן
מילדע פאלן
אויף זיין בלאס געזיכט.

און א פייער,
הייליק טייער,
פון די אויגן לייכט;
און דער מידער
מיט די גלידער
האט זיך אויסגעגלייכט.

און עס דאכט זיך
און עס טראכט זיך
ס'איז נאך עפעס דא;
ס'איז געבליבן,
וואס צו ליבן
הייליק איז די שעה!

אלטע קלאנגען,
לאנג פארגאנגען,
ניין! עס קלינגט נאך אצינד!
זינג מיר טאטע
„ברוך אתה"
און איך בלייב דיין קינד!

אכט קליינע ברידער

מוזיק: מ. מאַזנער　　　　　　　　　　　　　　　　　　　אלעף בץ

1. אכט קליינע ברידער
פון א גרויסן פלאם.
זינגען שטומע לידער
פון א בראַון שטאם.

2. פון א שטאם פון קריגער,
מוטיק און געטריי,
און פון שטאַלצע זיגער
איבער שקלאַפעריי.

3. אכט שטומע עדות,
אייער ליבט דערמאַנט,
אין די עלטער־זיידעס
פון א הייטן לאַנד.

א חנוכה ליד

אראנזש זשיטאמירסקי

ווערטער פון מ. ריוועסמאן.

mf

andante

1. צינדט אָן ליכטלאך
דינינקע, שיינע;
זיי זאָלן ברענען
איינע נאָך איינע...
דו, יהודה,
אייביק לעבסטו...
אכט טעג צופרידן
זינגען מיר, אידן,
אכט טעג גאַנצע
קלינגט אונזער שיר...

2. פריילאַך, לוסטיק,
ליכטעלע, פינקל...
דו זאָלסט באלויכטן
העל יעדן ווינקל... -
„על-הנסים" -
הויך זאָגט קינדער!
זינגט פריילאַך ברידער
חנוכה-לידער;
איר זאָלט ניט פארגעסן
דעם טייערן נס...

3. נעם פיר העלצלאַך,
איינגל און מיידל,
און גיס מיר אויסעט
גיכער א דריידל!...
באַפּט דעם „ג" --
לויב דעם הימל --
להכעים די שונאים
נעם מזומנים...
קויף גוטע זאַכן
און גיב מיר אויך...

סביבון סב.

סביבון סב,סב,סב

חנכה הוא חג טוב.

סביבון סב,סב,סב

סביבון סב,סב,סב

סב נא סב כה וכה

נס גדול היה פה.

סב נא סב כה וכה

סב נא סב כה וכה.

א. אברונין

ראש השנה לאילנות

מנגינה מאת
קורצעבסקי


1. ראש השנה לאילנות!
לגיא, להר, בנים, בנות!
נראה בעטף הכל ירק,
בלבוש נאה חג זה לחג.

2. נשמע בתקע בשופר
הרוח בין עצי הדר;
תקיעה, תרועה וגם שברים,
אחריו יענה גם הד הרים!

3. נלך לראות שקד חזן
יציץ בכרם ובגן,
עוטף טלית כלה לבנה,
ומתפלל בכונה.

4. על העצים קהל גדול,
כי יפקדם אדון הכל:
עץ עץ פריו בעתו יתן.
וענה העם ואמר: אמן!

כִּי תָבוֹאוּ.



א. כִּי תָבוֹאוּ אֶל הָאָרֶץ,
וּנְטַעְתֶּם כָּל עֵץ תְּחִלָּה,
וְנָתַן הָעֵץ פִּרְיוֹ,
וְהָאָרֶץ יְבוּלָהּ.

עֵת לִנְטוֹעַ אִילָנוֹת,
עֵת לִנְטוֹעַ וְלִבְנוֹת } 2

ב. וִישַׁבְתֶּם אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ
וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ,
וִהְיִיתֶם כְּעֵץ שָׁתוּל
עַל פַּלְגֵי מָיִם.

עֵת לִנְטוֹעַ......

ג. וּבְנִיתֶם חָרְבוֹת עוֹלָם,
שׁוֹמְמוֹת תְּקוֹמֵמוּ,
וִהְיִיתֶם עַל אַדְמַתְכֶם,
לָבֶטַח וּלְעוֹלָם.

עֵת לִנְטוֹעַ.......

זמר לחמשה עשר

מאת גולדפרב

1. מרחב שדה וירק עצים
ילדים נושאים את,
שם הרבי לתלמידים
מורה אלף בית.

2. זאת התורה ילדי חמד,
למדו אותה, שמרו נא.
נטעו, זרעו זאת הארץ
קמץ תחת אלף א.

3. עץ זה אלף, עץ זה בית,
אף הגימל זהו עץ.
אותות עצים בספר ירק
רחב עד אין קץ

המלים דושמאן
המנגינה מאת רבינה

טו בשבט

הַשְּׁקֵדִיָּה פּוֹרַחַת
וְשֶׁמֶשׁ פָּז זוֹרַחַת טוּ בִּשְׁבָט הִגִּיעַ) 2
צִפֳּרִים מֵרֹאשׁ כָּל גַּג חַג הָאִילָנוֹת)
מְבַשְּׂרוֹת אֶת בּוֹא הֶחָג.

חג הנטיעות

משוש לך, ארץ חמדתנו,
עמך כי בא לשדמותיך;
יחדו ירננו ביום חגנו
כל הריך ועמקיך.

בגיל ושיר חוצה יצאנו
המעדרים על הכתפים;
מתת הבאנו לך כולנו
שתילי תפארת בידים.

חמשה עשר בשבט

יוד באראנאוו — מוזיק פון פ. יאסינאווסקי

coda

.1 דאָ איז נאָך ווינטער, א פראָסט און א קעלט
דאָ איז נאָך אלעם מיט שנייען באדעקט;
אָבער אין ארץ ישראל אצינד
די ביימער צום לעבן דער פרילינג שוין וועקט.

.2 אין ארץ ישראל ווערט ווארעם שוין היינט,
אין ארץ ישראל קומט פרילינג אפ׳ס ניי;
די ביימער שוין הייבן צו שפראָצן דאָרט אָן,
און קינדערלאך שפילן זיך שוין אף דער פריי.

.3 א יום טוב א שיינער, א ליבער, איז דאָ,
געקומען חמשה עשר איז ווידער אמאָל;
טאָ לאָמיר׳זשע עסן די פרוכטן געשמאק
און בענטשן די ביימער פון ארץ ישראל.

ווערטער און מוזיק פון ש. ווײנער

צי קענט איר קינדער דאס שיינע לאנד

צי קענט איר קינ-דער דאס שיי-נע לאנד וואו וועל-דער ווערן פון אי-

דן פאר-פלאנצט און מיט פרייד נאך א טאג שווע-רער מי ווערט דארט די הא-רא

מיט חשק גע-טאנצט

צי קענט איר קינדער דאס שיינע לאנד
וואו וועלדער ווערן פון אידן פארפלאנצט,
און מיט פרייד, נאך א טאג שווערער מי,
ווערט דארט די הארא מיט חשק געטאנצט.

צי קענט איר קינדער דאס שיינע לאנד
וואו די זון שײנט אזוי הערליך דארט,
און פון קינדערשע מײלעכלעך זיס,
קלינגט אזוי שיין דאס העברעישע ווארט.

צי קענט איר קינדער דאס שיינע לאנד,
וואס ווייסט ניט פון ווינטער און קעלט,
ווען חמשה־עשר בשבט דארט ווערט
א פריילינגס ווארימע ליכטיקע וועלט.

שושנת יעקב

מספר 2.

שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה, בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי.

תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח, וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר.

לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ.

אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי, בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי.

אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי, בְּרוּכָה אֶסְתֵּר מְגִינָּה בַּעֲדִי.

וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב.

א פורים ליד

פאלקס ליד

הײנט איז פורים ברידער
ס'איז דער יום טוב גרױס
לאָמיר זינגען לידער
גײן פון הױז צו הױז.
לאך מרדכי'לע, לאך
א יום טוב'ל מאך.
קינדס קינדער געדײנקען דעם נס.
זינגט ברידערלאך, זינגט
טאנצט פרײלאך און שפרינגט
דעם טײערן טאָג נים פארגעסט.

קום איך ארײַן צושפּרינגען

א פּורים ליד

קום איך ארײַן צושפּרינגען
אויף א פּיסעלע לויז
הויב איך אָן צו זינגען
תער דלות איז מיר גרויס
זינגען מיר, לויבן מיר } 2
שושנת יעקב

המן איז געווען שולדיק
אחשורוש אַ חוב
האָט מען אים געזאָגט
די חליה איז אויפן הויף
זינגען מיר, לויבן מיר } 2
שושנת יעקב

חג פורים

א.

חג פורים, חג פורים,

חג גדול הוא ליהודים.

מסכות, רעשנים, זמירות וריקודים.

הבה נרעישה רש, רש, רש (3) ברעשנים.

ב.

חג פורים, חג פורים,

זה אל זה שולחים מנות,

מחמדים, ממתקים, תופינים ומגדנות.

הבה נרעישה.....

היזח חזריח לנו

(שיר לפורים)

1. היום פודים לנו
זמחר יום חזל;
אל צוה לשמזח
ביום זה לכל.

2. היום פורים לנז
זמהור יום חזל;
אל צוה בפורים
אזני המן אכל.

3. אל צוה לשמוח
היום עד בלי די
זלבלתי שכח
גם עני אזי.


אויגעלאך בליץ


אויגעלאך בליץ און בעקלאך פלאם
דאָס היטל אויף א זייט
לויפט קליין משה׳לע אהיים.
יום־טוב׳דיק פאַרשמייט,
ער האָט שלח־מנות איינגעקויפט
צוויי צוקערלאך מיט בערד
פויגעלאך און טייבעלאך
א פישל און א פערד


פלוצלים, ערשט קליין חיים׳ל
די טיר האָט אויפגעמאכט,
א גוט פורים, משה׳לע,
שלח־מנות דיר געבראכט!
חיים׳ל מיין חבר׳ל
איך האב א פיש פאַר דיר,
איך גיב דיר אויך די פויגעלאך
נאָר דאָס פערדל לאָז איך מיר.


גוט פורים, גוט פורים, גוט פורים!

אני פורים









אני פורים, אני פורים,
שמח ומבדח,
הלא רק פעם בשנה
אבוא להתארח.
לַ לַ לַ...

הידד, פורים, הידד פורים,
הכו תף ומצלתים!
הוי מי יתן ובא פורים
לחדש, לחדשים!
לַ לַ לַ...

רבי פורים, רבי פורים!
אמר־נא לי,
מדוע לא יחול פורים
פעמים בשבוע?
לַ לַ לַ...

מסכות

ממחרזת של קיפניס

לכבוד פורים בנות-בנים לשמח הנה באנו

ומסכות על כל פנים איש לא יכיר אותנו

לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה - לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה

לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה - לה-לה-לה-לה-לה-לה-לה

1. לכבוד פורים, בנות-בנים,
   לשמח הנה באנו,
   ומסכות על כל פנים,
   איש לא יכיר אותנו!
   ל-ל-לה...

2. בראש הולך הרעשן,
   הקול גדול צורח:
   אזני-המן, אזני-המן
   תנו לכל אורח!
   ל-ל-לה...

3. היום - פורים, מחר - חסל,
   מצוה היום לשמח!
   נשיר, נרקד, נשתה, נאכל
   ונמהר לברח!
   ל-ל-לה...

מ. פראזשניקאוו

האָפּ מײנע המן־טאשן

יאכנע דוואשע פארט אין שטאט,
האלט זיך אין איין פאקן,
זי דארף אויף פורים קויפן מעל,
המן־טאשן באקן.

האָפּ מײנע המן־טאשן,
האָפּ מײנע ווײסע;
האָפּ, מיט מײנע המן־טאשן,
האט פאסירט א מעשה.

ס'גײט א רעגן, ס'גײט א שנײ
ס'קאפעט פון די דעכער;
יאכנע פירט שוין קארן מעל,
אין א זאק פון לעכער.

האָפּ מײנע א.א.וו.

יאכנע טראגט שוין שלח־מנות,
צו דער מומען יענטע;
צוויי דרײ שווארצע המן־טאשן,
האלב רוי, האלב פארברענטע.

האָפּ מײנע א.א.וו.

שא שטיל, ניט געזאָרגט.

אז עס קומט דער ליבער פסח
ווידער אויף דאָס ניי
נישטאָ קיין מצות, נישט קיין וויין,
איי־איי־איי־איי־איי.

שאַ, שטיל! ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז א פאָטער,
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסט שוין אַלץ און פטור.

וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,
אָבער חסידים זײַנען מיר,
און צום רבין פאָרן מיר
אונזער גאַנץ לעבן.




שאַ, שטיל! ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז א פאָטער!
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסטו שוין אַלץ – און פטור.


אז עס קומט דער ליבער שבועות,
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין מילכיקס, נישט קיין גרינס –
איי־איי־איי־איי־איי.


שאַ, שטיל! א.א.וו.

אז עס קומט דער ליבער סוכות,
ווידער אויף דאָס ניי;
נישטאָ קיין סכך, נישטאָ קיין אתרוג –
איי־איי־איי־איי־איי.

שאַ, שטיל! א.א.וו.








שיר הגאולה

יום ליבשה, נהפכו מצולים
שירה חדשה שבחו גאולים

א) הטבעת בחרמית רגלי בת ענמית,)
2
ופעמי שלמית יפו בנעלים)

ב) דגלי כן תרים על הנשארים)
2
ותלקט נפזריו כמלקט שבלים)

ג) ידידים רוממוך, בשירה קדמוך
מי כמוך ה" באלים.



שיר הגאולה

d.c. al fine

יום ליבשה, נהפכו מצולים
שירה חדשה שבחו גאולים

א) הטבעת בחרמית רגלי בת ענמית,)
2
ופעמי שלמית יפו בנעלים)

ב) דגלי בן הרים על הנשארים)
2
ויולקט נפזריו כמלקט שבלים)

ג) ידידים רוממוך, בשירה קדמוך
מי כמוך ד" באלים.

כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה

המניגנה: ד"ר יוסף דת.

אַדִּיר בִּמְלוּכָה, בָּחוּר כַּהֲלָכָה, גְּדוּדָיו יֹאמְרוּ לוֹ, לְךָ וּלְךָ, לְךָ כִּי לְךָ, לְךָ אַף לְךָ,
לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה, כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה.

דָּגוּל בִּמְלוּכָה, הָדוּר כַּהֲלָכָה, וָתִיקָיו יֹאמְרוּ לוֹ, לְךָ וּלְךָ, לְךָ כִּי לְךָ, לְךָ אַף לְךָ,
לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה, כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה.

זַכַּאי בִּמְלוּכָה, חָסִין כַּהֲלָכָה, טַפְסְרָיו יֹאמְרוּ לוֹ, לְךָ וּלְךָ, לְךָ כִּי לְךָ, לְךָ אַף לְךָ,
לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה, כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה.

מנגינה עממית.

אחד מי יודע

אֶחָד מִי יוֹדֵעַ? אֶחָד אֲנִי יוֹדֵעַ: אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

שְׁנַיִם מִי יוֹדֵעַ? שְׁנַיִם אֲנִי יוֹדֵעַ: שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

שְׁלֹשָׁה מִי יוֹדֵעַ? שְׁלֹשָׁה אֲנִי יוֹדֵעַ: שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

אַרְבַּע מִי יוֹדֵעַ? אַרְבַּע אֲנִי יוֹדֵעַ: אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ? חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ: חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

קריעת ים־סוף
(משחק)

מוסיקה מאת לוין קיפניס — מילים מאת א. צבי

משה:

חושו־נא, חושו־נא
דרך ים־המים!

משה:

חיש אבקע, חיש אקרע
את הים לשנים!

ישראל:

הה, משה בן עמרם,
הן נטבע במים!

ישראל:

ובמה? ובמה?

משה:

במטה! במטה!

הכל יחד:

משה עובר
ישראל עובר
טבע, צלל מצרים!

חג הפסח

מאת ש. שאפירא
(לוין קיפניס־מחרזת)

א. חג הפסח ־ חג אביב
חג הפסח ־ חג חביב!
מלבושים יפים חופר חיט מכבר
נעלים חדשות עושה סנדלר,
נתחדש יחדיו לכבוד חגנו,
אגוזים יקשקשו בכל כיסינו,
ילדים, נגילה־נא,
ילדים, נשירה־נא!

ב. חג הפסח ־ חג אביב,
חג הפסח ־ חג חביב!
ושביעה ימים טובים נאכל מצות
ויין טוב נשתה ארבע כוסות
נרימה־נא, נשירה על כוס יין:
לשנה הבא בירושלים!
ילדים, נגילה־נא
ילדים, נשירה־נא.

א סדר חלום

מוזיק פון מ. געלבארט

פון ל. קאפעלאָוויץ

ווי עס קומט צום סדר,
שלאָף איך אימער איין;
און איך קען ניט זען
ווי עס קומט אריין
אליהו הנביא –
אויסטרינקען דעם וויין

ווי נים איינצושלאָפן
האָב איך אלץ געטראכט;
ביז די אויגן מיינע,
האָבן זיך פארמאכט,
און א שיינעם חלום
האָט מיר גאָט געבראכט.

ס'איז די זון פארגאנגען
פריער פאר דער צייט;
און די נאכט פארטריבן,
ערגעץ זייער ווייט.

שפילן מיר אין די גאסן,
פריילעכע מוזיק;
שפרינגען קליינע קינדער,
אויף א שטראלן שטריק,
און משיח פירט אונדז
אויף א נייעם בריק.

חד גדיא

מוזיק: פאלק ליד.

ווערטער פון י.ל. פרץ

דער טאטע האט א ציגעלע
פון ערגיץ וואו געברענגט,
פאר צוויי גולדן א ציגעלע
די קינדערלאך געשיינקט.
טאנצט ארום דאס ציגעלע,
דאס ווייסינקע אין הויף,
איז א שווארצע קאץ פאראן,
כאפט זי, עסט עס אויף.

א היט זיך, היט זיך קעצעלע,
דער הונט איז אויפן פלאץ,
ער גיט א ברום, ער גיט א שפרונג -
אן עק שוין צו דער קאץ.
טאנצט ארום א שטעקעלע,
א שטעקעלע פון וואלד,
ווארפט זיך אויפן הונט ארויף,
אים ס'קעפעלע צעשפאלט.

חד גדיא......

שיקט דער האר.   פאָלקס ליד.

1. שיקט דער האר א פויערל אין וואלד,
א פויערל אין וואלד,
ער זאָל דאָרט בארעלעך רייסן.
פויערל וויל נים בארעלעך רייסן;
בארעלעך ווילן נים פאלן —
בארעלעך ווילן נים פאלן.

2. שיקט דער האר א הונטעלע אין וואלד,
א הונטעלע אין וואלד,
עס זאָל דעם פויערל בייסן;
פויערל וויל נים בארעלעך רייסן;
בארעלעך ווילן נים פאלן —
בארעלעך ווילן נים פאלן.

3. שיקט דער האר א שטעקעלע אין וואלד,
א שטעקעלע אין וואלד,
עס זאָל דאָס הינטעלע שלאָגן.
שטעקעלע וויל נים הינטעלע שלאָגן;
הינטעלע וויל נים פויערל בייסן;
פויערל וויל נים בארעלעך רייסן;
בארעלעך ווילן נים פאלן —
בארעלעך ווילן נים פאלן.

4. שיקט דער האר א פייערל אין וואלד,
א פייערל אין וואלד,
עס זאָל דאָס שטעקעלע ברענען.
פייערל וויל נים שטעקעלע ברענען;
שטעקעלע וויל נים הינטעלע שלאָגן;
הינטעלע וויל נים פויערל בייסן;
פויערל וויל נים בארעלעך רייסן;
בארעלעך ווילן נים פאלן —
בארעלעך ווילן נים פאלן.

חד גדיא

איך האָב פאַר אײך אַ מעשה'לע
אַ מעשה'לע גאָר שײן:
דער מאַמע האָט אַ ציגעלע
געקױפט פאַר צװײ גילדײן.

אַ ציגעלע אַ װײסינקע,
אַ װײנינקע װי גאָלד,
און צװײ גילדײן מזומנענע
האָט ער פאַר איר באַצאָלט.
חד־גדיא!


איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געװען,
אַ מזיק װי באַװאוסט;
האָט קעצלען זיך פאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פאַרגלוסט.


דערזען האָט עס הינטעלע,
פאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק.
ער װאַרפט זיך אויף דער בײזער קאַץ
און בײסט איר אײן אין קאַרק.
חד־גדיא!


קומט שטעקעלע אין כעס אַרײן
און טראַכט גאָר ניט קײן סך,
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען –
דו הונט! ס'איז ניט דײן זאַך!


צעפלאַקערט האָט זיך פײערל,
פאַר כעס צונטער דרויט:
דו שטעקעלע, דו פלעקעלע,
איך מאַך דיר באַלד אַ טויט.
חד־גדיא!


דײנו











אלו נתן, נתן לנו

נתן לנו את התורה

תורה טובה, תורה טובה


דײנו


ד-דײנו, ד-דײנו, דײנו, דײנו


ד-דײנו, ד-דײנו, דײנו, דײנו

קשתנו על שכמנו

(קיפנים)







קַשְׁתֵנוּ עַל שִׁכְמֵנוּ

דִגְלֵנוּ רָם בְּיָד!

לַיַעַר חֲבִיבֵנוּ

נֵלֵךְ גָדוֹל וְקָט.

הַיוֹם לַג בָּעֹמֶר,

הַיוֹם לַג בָּעֹמֶר!

בר יוחאי

בר יוחאי, (5)
אשריך;
שמן טוב, שמן ששון, נמשחת מחבריך.

בר יוחאי (3)
אשריך } 3
שמן טוב שמן ששון נמשחת מחבריך

ל"ג בעמר ליד

1. קינדערלאך אין וועלדל קומט
וואו עס שאלט און זשומט און ברומט
וואו עס שושקען זיך די ביימער
וואו אלץ אָטעמט מיט ל"ג בעמר.
טראַ לאַ לאַ לאַ...

2. שמראלעכלאך, ווי שיין זיי בלישטשען
פויגעלאך, ווי הויך זיי פישטשען
בליען שמעקענדיק די בלומען
דער ל"ג בעמר איז געקומען.
טראַ לאַ לאַ לאַ...

3. לאָמיר גייען אין גלייכע פּאָרן
אין דעם לופטעלע דעם קלאָרן
הויך זאָל אונזער קול'עכל קלינ-
גען
דעם ל"ג בעמר צו באזינגען.
טראַ לאַ לאַ לאַ...

4. פריי געשפרונגען, פריי געלאָפן
אלץ איז פריי און ברייט און אָפן
פרילינג שמייכלט אונז און שיינט
קומט, ל"ג בעמר איז דאָך היינט!
טראַ לאַ לאַ לאַ...

....

י. גארונטשאם

סלינו על כתפינו

סלינו על כתפינו,
ראשינו עטורים.
מקצות הארץ באנו,
הבאנו בכורים:
מיהודה והגליל,
מהעמק והשומרון.
פנו דרך לנו,
בכורים אתנו!
הך, הך, הך בתוף!
חלל בחליל!

שבועות חג נחמד

המלים: לוין קיפנים.　　　　　　המנגינה: ד. מערבי.

א.

מי בן חיל, מי בת חיל,
הנה, הנה חברים!
יום־טוב לנו, חג הירק,
הבה נא נקלע זרים.
הו הידד, הו הידד,
שבועות חג נחמד. } 2

ב.

את כל בית נקשטה,
זר על דלת, זר על קיר;
ובמעגל נצא כולנו,
כף נמחא, נשירה שיר.
הו הידד, הו הידד,
שבועות חג נחמד. } 2

(פאר שבועות)

חזרה לי, לי

(ווערטער פון י.קצנלסון)

על הר סני שם ממעל

מי זה, מי זה לנו יעל

חזרה לי,לי, אורה לי לי

חזרה לי,לי, עוד מה לי

חזרה לי, לי, הכל לי

ענה משה איש הפלא

אני לכם על סני אעלה

חזרה לי, לי.....

מתן תורתנו

1. שבועות, ליבע קינדערלאך,
שבועות איז געקומען!
באפלאכטן מיט גירלאנדעס גרינס,
באקרענצט מיט פרישע בלומען.

2. ס'גייט זומער לעב..עס שיינט און קלינגט
אין וואלד, אין פעלד, אין גארטן;
עס פליען, פליען פויגעלאך,
און זינגען שירה דארטן.

דער ליבער גרינער יום-טוב גייט,
זמן מתן תורתנו!
טרא, לא-לא!

ש ב ו ע ו ת

נאָך צווייגעלאך, קינדער, אין וואלד לאזט זיך גיין,
און פריילאך מיט לידער בסדר,
אזוי ווי עס וואלט אויף דער וועלט ניט געווען,
קיין רבי, קיין קאנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייגעלאך, קינדער, נאָך צווייגעלאך גייט,
און פוצט אזיס די אָרימע שטיבלאך.
דער וואלד איז ניט ווייט, הינטערן שטעטל ער שטייט
און קוקט אזוי וויך, אזוי ליבלאך.

פארוואונדערט וועט ווערן דער אלטער, דער וואלד:
וואָס טוען דאָ אידישע קינדער?
דערציילט: "עס איז שבועות" - דערציילט, עס איז באלד,
און זאָל אים ניט זיין צו קיין וואונדער....

און זאמט זיך וואס לענגער, און רייסט וואָס מער אָן,
ניט האָט פאר די טאטעס קיין מורא!

היינט מעגט איר אין וואלד זיין, מ'וועט גארנישט איך טאָן,
עס איז דאָך לכבוד דער תורה!